STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09696

KRUME VEGN

Yosl Cohen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאָסל קאָהן

קרומע װעגן

•

אַרויסגעגעבן פון:
פאַרלאַג „אידיש־לעבן“,
ניו יאָרק, 1936

מיין טייערע טעכטערל ריווען

TWISTED ROADS

Copyright 1936
BY YOSL COHEN
New York, N. Y.

בילד צייכענונג פון זוני מאָוד

PRINTED IN U.S.A.

POSY-SHOULSON PRESS, 19 W. 21st St., N. Y.
234

מײַן טאָכטער ריווע

1

מיר האָבן זיך ניט געזעגנט
ווען איך האָב פאַרלאָזט מײַן הויז,
נאָר נעכטן האָב איך דיך באַגעגנט
נישט ווײַסנדיק ווי דו זעסט אויס.

ביסט אַ ליכטיקע צו מיר געקומען
פון מײַנע אײַנזאַמע ווענט אַראָפּ,
האָסט מיט פרייד מיך אַרומגענומען
און געקושט מײַן מידן קאָפּ.

ביסט אַוועק פון מיר אַזוי געשווינד —
אײידער כ׳האָב געקענט פרעגן וואו דו ביסט געווען;
אָ, מײַן ליכטיק בלאָנד קינד,
ווער ווייסט צי איך וועל דיך נאָך זען!

2

איך וועל פון אַלע ווײַטן
אַ געלײַטערטער קומען צו דיר,
מײַן גרויע מידקייט פון צײַטן
וועל איך לאָזן אַף יענער זײַט טיר.

כ׳וועל דיר נישט דערציילן פון די שטראָפן
וואָס מ׳האָט מיר אָנגעקלעפּט;
נישט וויסן וועסטו וואו איך בין געלאָפן,
און ווי כ׳האָב מיט מידקייט זיך געשלעפּט.

ווי מ׳האָט מיט בייזקייט מיך געיאָגט —
פאַרוואָס האָב איך נישט געוואוסט;
מ׳האָט צוגענומען אַלץ וואָס איך האָב פאַרמאָגט
און פאַרלאָזן מיינע נאָנטע האָב איך געמוזט.

ביסטו געבליבן פאַרשעמט,
כאָטש האָסט נאָך דעמאָלט נישט געקענט פאַרשטיין;
אָ, טאָכטער מיינע, כ׳האָב דיך דערקענט,
זע, איך זאָל ווידער נישט בלייבן אַליין!

3

נישט איין מאָל האָב איך געקלערט,
כאָטש איך האָב עס נישט באַשטימט;
פאַרוואָס עס איז אַזוי באַשערט
אַז דו זאָלסט זיין מיין קינד.

כ׳האָב דיך אָנגעאָטעמט מיט לעבן,
נאָר אין בלינדקייט ליגן נאָך דיינע טעג;
אָ, וואָס זשע זאָל איך דיר געבן
אַף דיין נישט קלאָרן לאַנגן וועג?

וועסט געוויס באַגעגענען די געשטאַלטן
וואָס האָבן פאַרברענט מיין טראָט;
זאָלסטו פון זיי גאָרנישט באַהאַלטן,
גיב זיי איבער מיין סאַמיקן שפּאָט!

4

עס ליגן פאַרשטומט מיינע ניט גערעדטע רייד
וואָס מ׳האָט פון דיר אַזוי בייז אָוועקגעריסן,
איצט קום איך צו דיר — נעם אויף מיין פרייד
כ׳וועל פאַר דיר מיין פאַרבאָרגענע שטומקייט אויפשליסן.

ס׳איז מיין נאָמען פון סאַמיקע צינגער באַרעדט,
און וואָרט מיינער איז פאַר זיי אויסגעלאָשן;
טאָכטער מיינע, פאַרשטיי דו מיינע רייד — די רייד פון אַ פּאָעט
די רייד פון מיין זאַפטיקן אידישן לאָשן!

מ׳האָט מיט ווילדן רישעס מיך צעשטאָכן
אַף פריידיקע יאָרן האָט מען אויפגעהאַנגען אַ צוים;
אָ, פאַרשטיי זשע טאָכטער, דאָס איז מען אַף מיר געקראָכן —
ווי ווערים קריכן אַף אַ בוים!

איז לעם דיר זאָל שטענדיק ברענען אַ קנויט
פאַר מיין צעוואָרפענעם לעבן — וואָס איז נישט געווען באַרוט!
אָ, טאָכטער מיינע, דו קינד פון מיין פרייד,
דו, קינד פון געמישטן בלוט!

5

דאָס קוק איך אַרויס פון שויב
דאָס האָב איך מיט אַזאַ נייגיר געהיט,
איז נעמט זשע אויף אַ לויב
צו מיין זוניקער טאָכטערס טריט!

דאָס קומט זי צו מיין הויז
מיך פרעגן וואָס איך טו;
דאָס ברענגט זי מיר — איך ווייס —
אַ פול געקוועטע רו.

איז נעם זשע צו מיין דאַנק
און אַף דער טיר קלאַפּ צו:
מיין אויסגעבענקט געשאַנק
מיין גלוסטיק זאַטע רו!

6

מיר האָבן זיך נישט געזעגנט
ווען איך האָב פאַרלאָזן מיין הויז.
נאָר נעכטן האָב איך דיך באַגעגנט
נישט וויסנדיק ווי דו זעסט אויס.

נעכטן האָב איך דיך באַגעגנט
אָפן שליאַך פון מיין איינזאַמען וועג,
נישט מיר האָבן זיך געגריסט — נישט געזעגנט
און שטומע זיינען מיר ביידע אַוועק.

נאָר איך האָב זיך אומגעקערט געשווינד
און געשלונגען דעם אָטעם פון דיינע טריט;
אָ, מיין ליכטיק בלאָנד קינד,
דאָס האָב איך דאָך דיך אָפּגעהיט!

קרומע וועגן

אַף קרומע וועגן

כ׳האָב אַלע וועגן הינטער זיך געלאָזן,
און פון בלינדקייט געלאָזט זיך פירן,
און בין אַוועק מיט שיקערע מאַטראָזן
אַריינצושרעקן זיך אין פאַרמאַכטע טירן.

צילן קרומע זיינען גלייך געוואָרן
אין ווילדע נעכט ווערט פרעמד איעדער גלויבן,
האָבן אין שאָען פון שפּאַסיקן צאָרן,
שטיינער זיך צעזונגען אין שויבן.

ס׳האָבן מענטשן זיך געבויגן מיט געבעט
באַ די שוועלן פון האַלב־געעפנטע טירן,
באַ אונדז האָט צאָרן נאָר גערעדט
און אויגן אויפגעלאָפענע ווי געשווירן.

נישט גערירט האָט אונדז געוויין
כאָטש מיר האָבן קיין סוינע נישט געזען;
נישט געוואוסט האָבן מיר אַליין,
וואָס עס איז מיט אונדז געשען.

ס׳איז אומגעלומפּערטע לוסט
אין צעדרייטקייט מיט אונדז אַוועק אַ טאַנץ,
ס׳האָבן נאָר הענט אונדזערע געוואוסט
אַז אייזנס שאַרפע — לאָזן גאָרנישט גאַנץ!

זיינען גאַסן געלעגן פוסט
און שרעק האָט זיך אַף הייזער אויסגעצירט,
נאָר מיר אַליין, האָבן מיט ווילדן לוסט —
מיט מיילער צעשוימטע אַרומשפּאַצירט.

און ווען לעצטער געשריי איז דערוואָרגן געוואָרן
און לײדיקע װעגן האָבן אונדז פאַרשלונגען,
האָט זיך באַ אונדז אויסגעלאָשן דער צאָרן
און ס'האָבן לידער אומעטיקע זיך צעזונגען!

יעדערער האָט אַ טאַטע־מאַמען
און אַ היים אַ וואַרעמע איבערגעלאָזן,
האָט מען גאָר צעבראָכן אַלע צאַמען
און מ'איז אַוועק מיט שיקערע מאַטראָזן.

געוויס האָבן יענע שיקערע מאַטראָזן,
וואָס זיינען פריער פון אונדז געקומען,
פון לאַנג שוין די וועגן פאַרלאָזן
און לידער אומעטיקע מיט זיך מיטגענומען.

ווערן מענטשן ווידער ליבער,
און כאַראַטע הויבט אָן צו שלאָגן,
וויל מען לויפן צו די שטיבער
יעדן דאָרט אַ טרייסט־וואָרט זאָגן.

קומט אַ וואַנדערער אָן אַנטקעגן
מיט געשוואָלענעם טראָט און אויגן שטומע,
הויבן אַלע אָן צו פרעגן:
ווי ער קומט דאָ אַף וועגן קרומע?

ווייסטו כאַטש, ברודער, אַז דאָס וואָגלען מאַטראָזן,
וואָס זיינען פרעמד מיט טעג באַרוטע?
זיי האָבן היים און נאָנטע פאַרלאָזן
און זיינען אַוועק מיט נישט־גוטע!

פיר דיין טראָט דאָרט צו די שטיבער,
קלאַפּ אָן אין טירן — און זאָלסט זיי זאָגן:
אַז דער שרעק איז שוין אַריבער,
אַזוי האָסטו געהערט שיקערע מאַטראָזן קלאָגן!

כ׳וואַרט אַף דיר!

פרעמדער! ווייטע וועגן
דערנענטערן דיך צו מיר,
כ׳האָב פאַר דיין מידן טראָט
ברייט געעפנט מיין טיר.

ס׳איז אָרים מיין שטוב,
און הונגער ווײנט פון די ווענט,
כ׳האָב, פרעמדער, אין דיין טראָט
אַ ברודער אַן אייגענעם דערקענט.

כ׳בין עלנט, ברודער!
איז קום צו מיר פון דיינע ווייטע וועגן!
כ׳וועל מיט ברויט און זאַלץ
אַרויסגיין דיר אַנטקעגן.

אָרים ברויט און זאַלץ
דאָס איז אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג,
און זון און גלויבן אַסאַך
פאַר אַ פריידיקן טאָג!

דאָס פאַרלאָזטע הויז וועט מיט דיר זיך דערפרייען,
ברודער מיינער דערקענטער!
און ס׳וועט מיט ליכטיקייט זיך באַצירן
מיין טיש, דער פאַרשעמטער.

און לאַנג פאַרגעסענע ווייב און קינדער
וועלן זיך מיט דיר טיילן זייער ברויט,
קום זשע, ברודער מידער,
ס׳איז מיין טיש פאַר דיר געגרייט!

לאַסט

1

אין אַלע ווינקלען וואַרטן אָנגעגרייט
הונגעריקע נעכט:
טעג צעקנייטשטע לאַסטיקן אַף מיינע שאָען,
ווי מיט מעסערס אויסגעשניטן
איז אַף מיין לייב דער קנעכט,
און מיין געוויין ווי דער געזאַנג פון קראָען.

פון אַלע בלאָטעס קלייב איך אויס
מיינע אויסגעפוצטע מינוטן,
איך וואָלט אַליין צום שוועל פון הויז
געבראַכט דעם גוף אַן אויסגערוטן.

און וואָלט איך פון ערגעץ
אַ רואיקן טאָג געפאַנגען —
איז ווי אַן אויסגעפוצטע פאָן
וואָלט עס פון אַלע פענצטער געהאָנגען.

2

ס׳האָבן מענטשן מיך באַרעדט,
ס׳האָבן אויגן מיך געזען,
הענט צאַרטע האָבן מיך געגלעט
ווען איך בין שיקער געווען.

הענט פאַרבענקטע פון מיין פיין
אויסגעצערטלט פון מיין וויי,
אָ, נישט שטענדיק וועל איך אַזוי זיין
כאָטש איך ווייטיק מיט געשריי.

מענטשן רואיקע האָבן מיך פֿאַרשפּאָט,
מענטשן בירגערלעכע האָבן פֿאַרלאַכט
יעדן אַנדערשדיקן טראָט,
וואָס איך האָב צו מיין וועג געבראַכט.

3

עס וואַקסט אין מיר מיין רו
ווי אַ קווייט אַף איינזאַמען וועג
און האַסטיקער ברענגט עס מיך צו
צום שוועל פֿון יענעם ברעג.

וואו ס'לעבט מיין טויט
מיט פֿליגלען אָן אַ שיר,
אַף אַלע וועגן אויסגעשפּרייט
וואַרטנדיק פֿאַר מיר.

אָ, ס'וואַרט שוין געגרייט
דער בלוטיקער ניסאָיען,
וואו עס ראַנגלען זיך מיטן טויט
מיינע אומרואיקע שאָען.

איך בין הילפלאָז ווי אַ קינד
אין שפּילעוודיקן צאָרן,
און פֿון ערגעץ ווייגען אַצינד
אַזעלכע זאַפטיקע יאָרן,

וואָס איך האָב אָפּגעריסן פון ווייב און קינדער
מיט נאָכגעשיקטע קלאָגן,
און האָב זיי, ווי אַ בלינדער,
צו שענקען געבראַכט צוטראָגן.

4

לאַסטיק בין איך פאַר זיך אַליין,
ווי שטיינער אַף מיר מיינע יאָרן;
מאַמע, איך טראָג אין זיך דיין געוויין
פאַרוואָס דו האָסט מיך געבאָרן.

וואָלסט געוואָלט, אַז מענטשן זאָלן זאָגן,
וואָלסט געוואָלט, אַז אויגן זאָלן זען,
אַז נאָר דו האָסט געקאָנט אויסטראָגן
אַזאַ יאָסל, ווי דיין זיידע איז געווען.

קאָנסט ניט הערן יענע ווערטער,
קאָנסט ניט הערן יענע רייד,
אַז אין ווינקלען פון בלאָטיקע ערטער
וואַלגערט זיך דיין מיידלשע פרייד.

און ווען דו קוקסט אַף מיין צווייטן זון,
וואָס איז מיט מיר צוויי טראָפּן,
קלערסטו טאַקע דערפון:
פאַרוואָס נאָר דיר אַזוינע שטראָפן?

זומערדיקער אָנהויב

(עסטערן)

זומער האָט די אויגן אויסגעריבן,
אויסגעצוואָגענער הימל טריקנט זיך איבער אונדז אויס,
פאַר דיר האַרציקע האָב איך עס אויסגעקליבן
דעם אויפגעראַמטן צימער אין מיין פאַרפוצטער הויז.

טיר און פענצטער האָב איך צעעפנט ברייט
דיין זומערדיקן אויפבלי זאָל פעלדיקייט דערפילן,
און באַם אויסגעוואַשענעם שוועל האָב איך צוגעגרייט
מיט צעטאַנצטער אויפגעברענטקייט מיין כאָלעם דעם שטילן.

שוין יאָרן אַז איך וואַרט אַזוי
מיט צעריסענער בענקשאַפט אַף פריידיקע טריט,
און מיט גרייטן דערוואַרטנדיקן ווײ
האָב איך דיין קומען אָפּגעהיט!

קוק ניט אָפּן גרויען לאַסט
וואָס בייזערט זיך אַרויס פון מויל דעם קרומען;
דאָס האָבן זיך אַזוי די סאָנים צעשפּאַסט
דערפאַר ווייל דו ביסט צו מיר געקומען.

דו ביסט שוין דאָ, — גיי נישט אַוועק!
פאַרגיב מיין צעטומלטע פרייד!
דאָס האָבן זיך נאָר פון פריידיקן שרעק
אַזוי פאַרלאָשן מיינע רייד!

אין טעג פאַרבענקטע

1

כ׳טראַכט:
ווי שווער עס איז צו שפּייזן נעכט
מיט אייגענעם אומעט,
ווי אָנגעלאָדן זיינען טעג
מיט צעררייצטער סינע,
און ווי גיך עס ווערן
פון גאָלדיקע וועגן
קוואָרים פאַר זוניקע טעג.
איך האָב אַ כאָלעם אויסגעשפּילט
פון איינזאַמע יאָרן,
אַ טאָג אַ ווייטער האָט אין טאַנץ
מיט מיר זיך געפרייט;
איך ווייס, אַז ניט יעדן טאָג
ווערט אַזאַ כאָלעם געבאָרן
און ניט אַזאַ פרייד
איז פאַר יעדן אָנגעגרייט.

2

אָ, צאַרטע האָפענונג
פון דוירעס אויסגעבענקטע,
מיט מיין אומעט ציר איך אויס
דיין טויטן גוף.
כ׳האָב גרוסן פון ווייטע ערטער
געבראַכט אַף דיין לעצטן רוף.

עס האָבן מיין אומרו
בייזע רייטער פאַרטראָגן,
עס לעבט אַף מיר אויף
אַזאַ וויסטע רו;
מיט אייגענע הענט
האָב איך דעם גוף מיינעם געשלאָגן
מיט אייגענער קלאָלע דעק איך זיך צו.

פון כאַרעוודיקע ווענט
הענג איך גוילעמדיק אַרונטער,
ווי אַ טעמפּער יעזוס
מיט הילצערנעם שלאָף;
עס לעבט זיך אין מיר אויס
אַזאַ לעבן אַ געזונטער;
איך וואַרט מיט שטילקייט
אַף צוגעגרייטן סאָף!

אַ, זומערדיקער גלויבן
וואו ליגסטו באַהאַלטן,
וואו איז דיין אָרט?
עס האָבן דורך שויבן
שטעכיקע געשטאַלטן
פאַרשטומט מיין וואָרט.

עס האָבן זיך וויסטע יאָרן
פון אַמאָל אַף מיר צעטאַנצט,
אַ, גלויבן ווייטער, אַזאַ צעקרימטער צאָרן
ווערט שוין אין מיר דערגאַנצט!

עס איז פון ווייט געקומען צעשוועבן
אַ מוירע פאַרן אייגענעם שאָטן;
אָ, גלויבן, זאָג מיר, אין ווען
איז אַזאַ לעבן ווי מיינער געראָטן?

איך דערמאָן זיך גראַדע יענע צייטן
ווען מיט צעשפּילטער פרייד,
איז אַף אַ בלויען פערד געקומען צערייטן
מיין געקושטער טויט.

און איך האָב די הענט צעשפּרייט
מיט טפילעדיקן וואָרט,
וואַרטנדיק געגרייט
פאַר יענעם זוניקן אָרט.

וואו עס בליט אַן אייביקייט
פון אַלע צאַמען אָפּגעשמידט.
מיט טאַנץ אַף טויטן גוף פון צייט
זוניקט יונג־פרוילעכע טריט.

און איך, אַ זומערדיקער צווישן זיי
מיט ווייטיקדיקן גלוסט,
האָב אין ווילדקייט פון פריידיקן געדריי
זיך נאָכאַמאָל מיט טויט צעקושט!

אַ טפילע

אין אָנקום פון מיין פאַרגיין נעם אויף מיין פאַרנויג —
ווי ערד נעמט אויף דעם נויג פון אַ ווערבע אונטער ווינט,
אָ, פאַרגיב מיר, עס איז נאָך מיט טרער נישט פול מיין אויג
ווי עס איז נאָך נישט פול צאַר אין אַ ניט־דערוואָקסן קינד!

אַזאַ איינזאַמען וועג גיי איך אַליין —
אין אַזויפיל טויזנטער לאַסטן איינגעשפּאַנט;
איך בעט דיך, אַז מיין טראַט זאָל בלייבן שטיין
באַ דעם ערגעץ פון מיין נישט געזעען לאַנד!

עס איז מיר שווער מיינע באַגעגענישן דאָ —
מיט אַלע די וואָס טראָגן מיר צו — פליכעוואַטע רייד;
איך בעט אַז ס'זאָל מיין לעצטע שאָ
אויסגיין אָפן פּאָנים פון מיין קראַנקער פרייד!

באַטלאָנים און פיליסטער האָבן פאַר מיר אַרויסגעשלעפּט —
פאַרטריקנטע שטראָף־זיצלעך פון קליי;
אָ, וואָס פאַר אַן עקל ווערט עס אין מיר אויפגעלעבט
ווי דער עקל צום געדוך פון צעריבענע פליי!

זיי ווילן מיך נידעריקער מאַכן פון גראָז —
אָט די אַלע פיליסטער און נאָבעלע לייט;
עס איז מיין לייב שוין באַ מיר ווי באַ אַ יאָזש
כאָטש איך בין נאָך פון אייגענער פאַרקרימונג נישט באַפרייט!

איך וועל שוין אַליין פירן מיין טראָט
צו די אַלע וועגן וואָס איז מיר באַשערט;
אָ, נעם אויף מיין טפילע, האַרציקער גאָט,
אַז איך זאָל פון מיין עקל צו זיי — נישט ווערן פאַרצערט!

די סודע פון מיין געשאָכטענעם זון

כ,האָב אייגן טרויער היינט דערפילט
און צעקרימטן פּאָנים אַליין געזען;
האָב איך מיט טויטע פינגער אויסגעשפּילט
אַ ליד צו אַ צייט וואָס איז ניט געווען.

אין מיט דומפּן פּוסטן קאָל
האָב איך מיט אייגן שרעק זיך דערפרייט,
ביז עס האָבן שיידים אָן אַ צאָל
מיט מיר אין טאַנץ זיך אַוועקגעדרייט.

טאַנצן מיר אין אַ קנויל געפלאָכטן
ביז עס קומט אָן נאַכט;
האָב איך פון פרייד אַ זון מיינעם געשאָכטן
און האָב אים אַהער געבראַכט.

מ׳זאָל אַ סודע היינט האָבן
ס׳זאָל פון דעם וויסן אַ וועלט;
האָבן מיר אַלע טויטע אויפגעגראָבן
און זיי געבראַכט צו אונדז אין געצעלט.

טויטע, טויטע, מיר האָבן אייך אַהער געבראַכט
ווייל אונדזערס שטייט גאָרנישט אין קאָן;
טאַנצן מיר היינט אַ גאַנצע נאַכט
ביזן קריי פון האָן!

און עס כאַפּן אונדז די טויטע אַרום
מיט ביינערדיקן געזאַנג,
און מ׳צעלאָזט אַ טאַנץ אַרום מיין געשאָכטענעם זון
אַף וועמענס סודע מ׳וואַרט שוין פון לאַנג.

פלוצלונג האָט אַ טיר זיך אויפגעמאַכט —
אַ קאָל רופט אויס: אַלץ איז גרייט!
מיר פרייען זיך היינט אַ גאַנצע נאַכט
ס'האָט נאָך דער האָן נישט געקרייט!

זיינען אַלע אין אַ קרייז געזעסן
נאָר פאַר מיר איז קיין אָרט נישט געוועז,
האָט מען דאָס פלייש פון מיין זון אויפגעגעסן
און איך האָב מיט פרייד עס געזען!

נאָר פלוצלונג האָט אָפן וואַנט זיך באַוויזן
אַ ריזיק געשטאַלט פון מיין זון;
באַלד זיינען אַלע אויסגעוואָקסן אין ריזן
און זיי רינגלען מיך גלייך אַרום.

שטרעק איך אויס מיין האַנט,
און וויל פרעגן מיין זון וואָס ער מאַכט;
האָט ער זיך גענומען רירן פון וואַנט
און אַלע טויטע האָבן זיך צעלאַכט!

בין איך ווי אַ מילב קליין געוואָרן
און פאַרגליווערט געבליבן שטיין!
האָבן אַלע שיידים מיט געלעכטער געשוואָרן
אַז דאָ וועט שוין זיין מיין היים!

וויל איך זאָגן, אַז איך וויל פון דאַנען אַוועק!
ווייל פאַר מיר איז קיין היים נישטאָ.
האָב איך זיך צעקושט מיט שרעק,
איז מיין קאָפּ געוואָרן גראָ.

ווי ס'איז געוואָרן גראָ מיין קאָפּ,
זיינען אַלע אַוועק אין אַ טאַנץ;
איז מיין זון פון וואַנט אַראָפּ,
זיין האַלדז איז געוועזן גאַנץ.

נאָר פון זיין מויל האָט בלוט גערונען
און אַלץ איז געוואָרן נאַס,
האָב איך מיט מיין שרעק דעם שטומען
געוואָלט אָפּקושן זיין האַס.

נאָר ווי איך האָב געוואָלט צו אים זיך בוקן
האָט זיך פון וואַנט אַ טיר אויפגעמאַכט;
איז זיין בלוט אַף מיינע הענט געוואָרן טרוקן
און מיין זון האָט זיך צעלאַכט!

און פון טיר האָבן גענומען קומען
שיידים אָן אַ צאָל;
אַלע האָבן זיי געהאַט מיין פּאָנים דעם קרומען
און מיין דומפּן פּוסטן קאָל!

איז ווי כ'האָב זיי דערזען
האָב איך זיך אַליין דערקענט, —
און כ'וויל זיי פרעגן וואו זיי זיינען געוועזן
ווען ס'האָבן מיין זון געשאָכטן מיינע הענט?

און ווי זיי קומען דאָ אין געצעלט
צי וויסן זיי אַז דאָס איז מיין היים?
האָבן זיי מיר אַלע אין פּאָנים אַריינגעקוועלט
מיט שפּיזיק צעקרימטע ציין.

ווייס איך ניט וואָס זיי ווילן:
און צי וועט עס אַמאָל נעמען אַ סאָף?
צעלאַכט זיך מיין זון — און הייסט מיר שפּילן
און דאָס וועט שוין זיין מיין שטראָף!

ווי אַזוי זשע קאָן איך שפּילן
אַז כ'האָב נישט קיין אינסטרומענט?
שרייען אַלע אויס: אַז איך זאָל שפּילן
אַף טויט צעקרימטע הענט!

און זינגען זיי דעם ניגן
פון די מענטשן צען,
מיט וועלכן מ'טוט קינדער פאַרוויגן
אין אַ וועלט וואָס איז נישט געוועזן!

איז ווי איך הויב נאָר אָן
צו זינגען מיט געוויין,
אַזוי האָט געקרייט דער האָן
און איך בין געבליבן אַליין.

בין איך געבליבן אַליין
און האָב אייגן טרויער דערפילט;
האָט זיך נאָך געהערט דער שיידים געוויין
און איך האָב מיט טויטע פינגער געשפּילט!

בלינדער וועג

ס׳האָט קראַנקער הימל מיט אונדזערע נעכט זיך געזעטיקט,
ניט געזעענע טעג האָבן מיר דערשטיקטע אויפגעהאַנגען —
און יונגענקע פרימאָרגנס האָבן מיר טריקענען געלאָזן,
באַ די פיס פון אויסגעלאָשענע קורוועס.

— — — — — — — — — — — — —

ווי אַ נאַר וואָס געבוירן קינד זיינען מיר שטום,
כאָטש אין יעדן ביין אונדזערן זשאַווערט זינד;
וועגן האָבן פאַר אונדז זיך אויסגעלייגט קרום,
און טראָט אונדזערער האָט שטענדיק געבלאָנדזשעט בלינד.

מיר האָבן געזוכט אַן אַנדער וועג,
ווען מענטשן האָבן פון אונדז געלאַכט;
פאַרוואָס עס האָבן אַסאַך נישט געציילטע טעג
באַ אונדז שיינקען אויסגענאַרט.

מיר האָבן דאָס אייגן שטוב נישט דערקענט,
ווען אין דערוואַרטונג האָט דאָס ווייב אַף אונדז געוואַרט,
אַ, ברודער, וואָס פאַר אַ קלאָלע האָט עס אין אונדז אויפגעברענט,
אַז מיר האָבן אונדזערע נעכט צו זוינעס געבראַכט!

די בעסטע כאַווירים האָבן מיר אויסגעמיטן,
טאַטע־מאַמע, מיט כוצפע אַנגעבונדן;
און קינדערלעך אונדזערע האָבן מיר אויסגעביטן
אַף גלוסט־קראַנקען, וואָס האָט אין די בלוטן זיך צעצונדן.

מיר האָבן זשאַווערדיקן לעבן אַרויסגעשלעפּט —
פון אַלע זומפּן באַ די גראָע האָר;
אַ, ברודערל, וואָס איך האָב זיך דערלעבט
איצט צו מיין אַכט און דרייסיקסטן יאָר!

עס האָבן קינדער אייגענע זיך אָפּגעפרעמדט,
ווען איך האָב בייזקייט אַף מיין טראָט געזייט;
אָ, ברודער גוטער, ווי איך האָב אַלעמען פאַרשעמט
מיט מיינע זומפּיק קראַנקע רייד!

איצטער שלעפּט זיך מיין וואָרט
איינגעוווייקט אין צאָרן;
אָ, זעסטו ברודער, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט
פון מיינע לומפּיקע יאָרן?!

איך און דו

נענטער ביסטו מיר, ברודער גוטער,
ווי זומער־רעגן אַף צעהיצטער ערד!
נאָנט זיינען מיר דיינע גראָע האָר
וואָס גרויט נאָך שענער ווי פרימאָרגנס,
ס׳מידט זיך אין מיר דיין לעבן דער נישט־באַרוטער,
און שענער לויכסטו ווי הימלען בלויע
וואָס הענגען טעמפּ און אייביק.

ברודער מיינער, העפקערדיקער ברודער!
זוים פון פרויען־קליידער
איז שוין מיליאָנען מאָל באַזונגען און געקושט געוואָרן,
אָוונט־הימל אויסגעשפרייטער
האָט אין די געדערים איינגעשלונגען
אַזאַ שטענדיק־שווערן לויב;
אָבער פאַר דיר האָט נאָך קיינער
אַפילע אַזאַ שטומע צאַרטקייט נישט געוואָרפן:
ווי פאַר אַ פליישיקן שמייכל פון אַ פרוי!

אָ, וויי איז אונדז, ברודער!
אַז מיר מוזן אונדזער פרייד
פון שיינקען אָנגעפילטע
אויסוויינען אַף די ניו יאָרקער גאַסן,
און לאָזן ווינטן נאַכטיקע
זייער בייזער אַף אונדזער לייב טאַנצן!

ווער האָט געהערט אונדזער געבעט,
ווען מיר האָבן געבעטן אויסלייז פון זיך אַליין —
פון געלעכטער, וואָס האָט ווי וואָלקנס
אונדז פאַרדעקט?

ווער האָט געהערט דעם געוויין פון אונדזער איינזאַמקייט
וואָס זשאַווערט אין די ביינער ?
קראַנק זיינען מיר אַפילע צו שטאַרבן !

ברודער גוטער, העפקערדיקער ברודער !
צו וועמען זאָלן מיר רופן מיט אויסגעלאָשענעם קאָל ?
עס האָבן אונדז די געטער באַזיגט מיטן געציייג, וואָס זיי האָבן
אונדז געגעבן : סייכל !
עס פינצטערט אין אונדז די אייגענע אומרו
מיט שטיקער לעבן —
האָבן מיר נעכט געזעטיקט,
און אַליין ווי בעטלער אָף ראַגן געבעטלט :
כאָטש איין האַלבע שאָ באַרוטע פרייד !

זוכן מיר דען —
ברויט וואָס זאָל אונדז זעטיקן ?
צו גלוסט נאָך ווייב ?
אויסלייז פון אייגענעם אומרו,
דאָ אין אַ וועלט וואו יעדער קרעמער
קאָן פאַר אַ גראָשן — מיט כוצפּע :
דיין אויסגעוויטיקטע פרייד פאַרצוקן !

גוט איז אונדז שוין מיסטאָמע,
ברודער העפקערדיקער !
וואָס מיר האָבן געקאָנט אונדזער האָס
אָף געלעכטער פאַרבייטן !
טרייסט איז אונדז :
וואָס אייביק וועט וויינען
דער אָוונט בלוי,

וואָס איז אַן אײדעס געווען
צו אונדזער אומבאַהאָלפנקייט.
אָ, ווײ איז אונדז!
וואָס איז אונדז נאָך געבליבן דאָ —
צווישן צעפוילטן מענטשלעכן געלעכטער!
— — — — — — — — — — — — —
אָ, יעזוס, דו בעסטעט!
וואו ביסטו געווען,
ווען מיר האָבן פרימאָרגנס ניט געוואָלט שענדן
מיט אונדזערע אויגן?
מיר האָבן געוואָלט אַז נאַכט זאָל אונדז אויפרעסן!
אָ, ווײ איז אונדז, ברודער מײנער!

ס׳איז טאַקע עמעס!

בייזע הינט אָנגערייצטע
וואָיען אין מיינע בלוטן;
נישט אומזיסט זאָגט מיין מאַמע —
אַז איך בין אַ גילגל פון אַ נישט־גוטן!

שלעכטע מענטשן — זאָגט מיין מאַמע,
ווען זי הויבט אָן צו קלאָגן —
האָבן בייזע קלאָלעס געקרימט
ווען איך האָב מיט אים געטראָגן!

— פאַר וועמענס שלעכטס
פאַר וועמענס אַוויירעס;
האָב איך עס אויסגעטראָגן
אַ קלאָלע פון טויזנטער דוירעס!

ווי עס קומט אַזאַ קינד צו מיר
קאָן איך נישט פאַרשטיין?
וואָלט ער בעסער געשטאָרבן
ווען ער איז געוועזן קליין!

— מאַמע גוטע, מאַמע ליבע!
איך שטיי פאַר דיר געבויגן.
עס איז טאַקע עמעס
אַז עס וואויבען שיידים אין מיינע אויגן.

עס איז טאַקע עמעס,
אַז איך בין דיר נישט טייער;
בייזע סאָנים האָבן געמוזט
דיר אונטערוואַרפן פייער!

אָבער כ׳קאָן דאָך איצט
מיין פאַרשאָלטענעם גוף נישט צעשניידן;
איז ווי אַזוי זשע, גוטע מאַמע,
קאָן איך דאָס שלעכטס פאַרמיידן?

איז ווי אַזוי זשע, גוטע מאַמע,
קאָן איך צו דיר קומען?
אַז ווען עס קומט די נאַכט
טאַנץ איך מיט שיידים אַרומגענומען!

און ווען עס קומט דער טאָג
פאַרבאַהאַלט איך זיך אין פאַרבאָרגענע ערטער,
ס׳זאָל מיך נישט באַגעגענען
דער פּעכיקער געלעכטער.

און ווען עס קומען אָן צו מיר,
רואיקע מינוטן;
דעמאָלט צינדט זיך אָן
דיין קלאָלע אין מיינע בלוטן!

דעמאָלט פאַלט אַף מיר
דיין שפּיזיקער געוויין:
פאַרוואָס כ׳בין נישט געשטאָרבן
ווען איך בין געווען קליין!

דע פּראָפּונדעס

1

ווי נימעס עס איז שוין
זיך צו לאָזן פֿאַרגוואַלטיקן פון טעג,
און זיך וואַשן אַ צעבלוטיקטער
מיט דער האָפֿענונג פון מאָרגן;
גרויער ווי פּאַשעט זיך
אַף דער געלקייט פון מיינע נעכטנס;
און איך אַליין שאַר זיך אום
ווי פון אַ טויזנט־יאָריקער טויטקייט,
און שרעק זיך דורך פענצטער אַריין,
און צווינג זיך אַף צעפּרעסענע געמיטער אַרויף;
ווער הערט מיין געוויין?
אַזוי נאַכט אַף טאָג!
טאָג אַף נאַכט!
מיליאָנען מאָל אַרום־אַרום, —
אָן אַ סאָף אָן אַ ברעג.
פון אַלע אויגן אַרויסגעשריען:
פון וואַנען וועט אויסלייז קומען?

2

שווער ווערט שוין אויסצושטרעקן די האַנט
אין אַזאַ מידבאָרדיקן לאַנד,
טויב איז שוין דער קאָל
וואָס איז פון קיינעם נישט דערהערט געוואָרן,
אַליין־אַליין, צען טריט ביז דאָרטן — און צוריק,
וואו טראַט שטעלט זיך נאָר
לויערט בייזער אומעט!

פרייד נישטיקע
מיט מאַטבייעס באַצאָלטע,
מיט פוסטער לופט ווי אין פענכערס אָנגעבלאָזן;
פון וואַנען פרייד?
שענק און פרוי!
ווי געשווירן פון אונטער הויט שרייען זיי אַרויס:
נישט ווערט זיינען די מאָרגנס
דעם קאָרבן פון האָפענונג,
אַליין־אַליין, אַף צעקרימטן וועג
צום מויל פון נאַכט,
מיט פינגער צעשטאָכענע
אין פאָנים פון טאָג,
מיט צעקייקלטן געשריי
אַף אַלע פוסטקייטן צעוואָרפן:
פון וואַנען וועט אויסלייז קומען?

3

מ׳זאָגט מיר:
כ׳האָב מיין וועג פאַרלאָרן,
אַז מיינע ווערטער זיינען
מיט סאָם אָנגעצונדן,
מיינע קרעץ נאַקעטע
האָב איך אין אַלעמענס אויגן געשפאַרט,
און ווי אַ הונגעריקער הונט
האָב איך די געדערים פון נאַכט געשלעפּט!
אָבער קיינער האָט ניט — אין מיין בייזקייט
דעם צאַר פון מיינע אויגן געטרונקען;

און אַליין בין איך אַן אײדעס געװען —
צו די אָפּגעפּרעסענע שאָען
װען נעװײלע האָט פון מײן בלוט אַרויסגעלאַכט,
און כ׳האָב אַף פאַרשאָלטן ליב געשפּיגן,
געשאָלטן האָב איך די אויגן
װאָס װעלן באַלד דאַרפן טאָג באַגעגענען;
געװײנט האָב איך צו מײן נישטיקייט
װאָס האָט װי אַ לויז מיך אַף ערד פאַרװאָרפן,
און מיט שטומקייט האָב איך דאָס האַרץ —
פון נאַכט צעריסן;
פון װאַנען װעט אויסלײז קומען?

4

שװער איז מיר די געזונטקייט
פון מײן אײגענעם גוף,
צו װעמען כ׳האָב זיך שוין באַלד
װי צו אַ װײב צוגעװאוינט.
רו פון זיך אַליין װיל איך —
טעמפּע רו!
װײל נימעס איז מיר
מײן אײגענע צעכראַסטעטקייט
מיט װעלכער כ׳שפּייז
אַזויפיל מענטשלעכע מײלער,
כ׳װיל זיך מער נישט לאַסטיקן
פאַר די אומבאַקאַנטע מאָרגנס,
װאָס פרעסן מיך אויף!

טאָג נאָך טאָג —
נאַכט נאָך נאַכט!
מיט דערשלאָגענעם געבעט
פאַר נאָך אַ ווײַלע זײַן,
מיט גלעזערנער צעשראָקנקייט
צו דער אויסגעשטשירעטער טעמפּקייט;
פון וואַנען וועט אויסלייז קומען?

5

וויי, וויסטער וויי!
אַ שטענדיקער אָט אַזוי!
מיט ציטערניש איבער דער —
אויסגערעכנטער צעברעקלטקייט,
זומער, ווינטער;
פרילינג — האַרבסט!
אַן אייביקע אויסמאַטערניש
צו האַרבסטיקע פעלדער,
אַן אויפגעבלאָזענע פרייד
צום פרילינג אויפקום,
שטענדיק אַזוי.
מיט טויזנטער מענטשלעכע צייטן אָפּגעטיילט
ביז אונדזער איצטער;
אָט לעשט זיך שוין בײַ מיר
מײַן טאַנץ אויס,
מײַן אייגענע מיזערנעקייט
האָט שוין באַלד מײַנע ביינער פאַרצוקט;

און וואָיענדיקער קלאָג
גליטשט זיך נאָך אַ באַשמאַלציקטער:
„אַ בלעטל האָט דער האַרבסט צעטראָטן״!
אַ צערייצטע שפּיל פון וועלן זיין!
אַזוי נאַכט אַף טאָג —
טאָג אַף נאַכט!
מיליאָנען מאָל אַרום־אַרום,
אָן אַ סאָף, אָן אַ ברעג
פון אַלע שרעקן אַרויסגעכריפּעט:
פון וואַנען וועט אויסלייז קומען?

ס׳איז די טיר פון מיין שטוב אָפן

ס׳איז די טיר פון מיין שטוב אָפן,
און הוילער טיש שטייט אין פאַרשעמטער בענקעניש
נאָך געדרוך פון פראָסטן ברויט,
און ווינטער אַ צעשויבערטער שרעקט זיך אַרויף
אַף הונגער־געוויין פון מיינע קינדער,
און וועגט באַ מיר הענגען אויסגעצערטע,
און אַ מענטשלעך פוס באַווייזט זיך זעלטן
באַ מיין אָפגעריבענער שוועל.
ס׳איז די טיר פון מיין שטוב אָפן!
ס׳ליגט ניט פאַר קיינעם זאַטקייט אָנגעגרייט,
נאָר פון הוילן טיש ליכטיקט אַ לויטערע האָפענונג!
נאָר פון אויסגעצערטע ווענט האָדעוועט זיך אַ בייזע סינע!

איך אַליין

כ׳האָב זיך אויסגעפּוצט מיט צעקרימטע געשטאַלטן
און מיט מיינע טואונגען זיך אַליין פאַרשעמט;
מיין אומבאַהאָלפנקייט האָב איך ניט געקאָנט באַהאַלטן,
כ׳האָב אַליין פאַר מענטשן זיך דערקענט.

איז באַ וועמען זאָל איך איצטער בעטן
פאַרגעבונג פאַר מיינע זינד?
אַז איך אַליין האָב זיך געוואָלט באַשפּעטן
פאַר די אויגן פון מיין ניט דערוואָקסן קינד!

אַז איך אַליין האָב מיט אייגענע פינגער
מיין קרומען וואָרט פאַרגרייזט;
און אין שיקערע פרימאָרגנס האָב איך מענטשלעכע צינגער
מיט מיין נישטיקייט געשפּייזט.

אָ, ווײ, וועמען קאָן איך עס דערציילען,
מיט וואָס פאַר אַ גיפט כ׳האָב פאַרזייט מיין הויז!
אַז כ׳האָב פון אַלע כאַווערשאַפטן געלאָזט זיך אויסוויילן
די איבערגעגעבענע נאָנטקייט פון אַ מויז.

ווי אַזוי וועל איך עס קאָנען אַף זיך טראָגן
איצט אַזאַ שווערע לאַסט?
אַז אייגן קאָפּ האָב איך צעשלאָגן
און אייגן לייב האָב איך פאַרהאַסט!

איז וואָס פאַר אַ שטראָף זאָל איך אַף זיך נעמען
פאַר מיינע צעפּרעסענע זינד;
וואָס איך האָב געלאָזט מיט מיינע טואונגען פאַרשעמען
מיין נאָך ניט דערוואָקסן קינד?!

פון בריוו צו אַ געליבטער

1

ס'וואָלט גוט געווען —
ווען מיין שטומקייט
וואָלט געקאָנט אָף ווערטער פאַרביטן ווערן,
ווי אָרים מיר זיינען מיט אונדזער נאַקעטקייט,
אייביק זוכן מיר פוץ —
פוץ וואָס זאָל אונדזער אָרימקייט פאַרצוקן,
שטענדיק דאַרפן מיר ווערטער זוכן
פון וועלכע לויב זאָל אַרויסזינגען,
ווייל מיר אַליין זיינען קרעציק,
ניט זיכער איז דאָס ביסל מענטש אין אונדז.
ווילן מיר, מ'זאָל אונדז דערמאָנען:
אַז אויגן אונדזערע זיינען נישט אַנדערש בלויער
ווי הימלען,
אַז קאָל אונדזערער — איז ווי
צאַרטע האַרפן־טענער,
אַז אונדזער טראָט איז ווי פון —
אַ שטאָלצן אָדלער.
כ'האָב ליבער דיינע בלויע אויגן
ווי די בלויקייט פון הימלען!
ווייל מיליאָנען יאָרן נאָך אונדז
וועט נאָך בלויקייט באַקליידן הימלען.
בענטער איז מיר דיין שטילער בסולע־געוויין,
מיט וועלכן דו שפּייזסט דיין געלעגער,
ווי דאָס געזאַנג פון נאַכטיגאַל.
שוועסטער מיינע!
ס'איז דאָך מיר ליבער דיין פראָסט העמד,
ווי דאָס פאַרפיומירט לייב פון דער רייכער דאַמע.

הויל איז אונדזער נישטיק זיין
דאָ אַף דער האַרטער ערד.
איז פריש דיין מידקייט אָפּ
מיט מיין צעשריענער שטומקייט,
און פריידיק אויס דיין כאַלעם
ווי דו פריידיקסט אויס אַ יאָנטעוו האָפענונג!

2

גייסט אַוועק פון מיר,
איך בין מיד.
שווער איז מיר מיין טראָט
און בלייאיק מיין וואָרט,
ס'האָט גלוסט מיך אויפגעפרעסן,
איצטער וויל איך רו,
איינזאַמקייט זאָל מיך באַדעקן.
כ'האָב לידער מיינע אויסגעביטן
פאַר אַ שמייכל דיינעם,
און שפעטער זיך מיט פוסטקייט געטראָגן
צו מיין שלאָפלאָזן געלעגער
אייגענע פאַרגעבונג בעטן!
דו האָסט פאַר זיכערקייט
און אַ ווייס בעט מיך אויסגעביטן,
און איך טראָג נאָך אַלץ מיין אומרו —
ווי אַ געשוויר אין מיינע בלוטן.
ווײ, ווי די אומבאַהאָלפנקייט
צינדט זיך פון מיין אָטעם!
בלינד זיינען מיר מיינע ווערטער!

איך האָב לויטערקייט געשפּרייט
אונטער דיין טראָט.
איך האָב אַף טורעמס גאָלדענע
דיך געפירט,
צו נייע וועלטן.
דו האָסט לייב דיינס
אין זיידנס געוויקלט.
און דיין ווילן פאַר זיכערקייט
ווי אַ שילד צו מיר געטראָגן,
ווי איך וואָלט אַ קוינע געווען.

אומעט מיינער!
ווי אַזוי קאָן איך דיך
מיט באַזאָרגונג באַצירן?
כ׳בין מיד,
קראַנק איז מיין גוף,
אַליין וויין איך נעכט אַף מיין שלאָפלאָזן געלעגער
צו מיינע ביט דערגאַנצטע מאָרגנס.
מיינע טואונגען ברענען ווי קרעץ מיין לייב —
און איך ווייטיק מיינע טעג
צו מיין בענקשאַפט.
אַנדערש זיינען אונדזערע וועגן!
דו גייסט אַוועק
דאָרטן וואו זיכערקייט
און אַ ווייס בעט איז פאַר דיר אָנגעגרייט.
איך וועל לידער שרייבן
און בענקען!

איך ווייס

צו די וויסטע נעכט מיט וועלכע כ׳האָב זיך געשלומפּערט
האָב איך מיין בייזקייט אָנגעבונדן.
יאָרן זאַפּטיקע האָב איך אומגעלומפּערט
מיט מיין צאָרן אָנגעצונדן.

מיין גיפטיק צונג האָב איך פריי געלאָזן
ביז שפּיזיקער עלנט האָט מיך פאַרצוקט.
האָבן אַלע נאָענטע מיך פאַרלאָזן
און איך האָב צו מיין פאַרקרימונג זיך געבוקט.

האָט זיך גענומען צעוואַקסן פון מיינע רייד —
אַף מיין לייב שטעכיקע בליקן,
האָב איך אַליין יעדע אויפגעלויכטענע פרייד
אין מיין זומפּיקייט געלאָזט דערשטיקן.

מיט אַ פאַנצער האָב איך זיך פאַרשטעלט,
ס׳זאָלן מיך נישט גרייכן קיין וואַרימע הענט;
מיינע צעריסענע שאָען האָב איך מיט פייניקונג געקוועלט
איידעס זיינען פון שטוֹב די וואַנציקע ווענט.

און וואָס מיין גיפטיק צונג האָט אָנגעקליבן,
האָב איך אַלע נאָענטע פאַרטיילט.
זיינען אַלע אַוועק — און איך בין געבליבן
מיט מיין פאַרקרימונג — וואָס איך האָב זיך אויסגעוויילט.

אָ, ס׳האָט זיכער קיינער ניט געוואוסט
ווען כ׳האָב מיט צאַר זיך באַדעקט,
און האָב געשאָלטן מיין פוילן גלוסט
און פאַר זיך דעם אייגענעם נאָמען אויסגעמעקט.

כ׳האָב מיין גוף געשלאָגן
און מיט מיין צאָרן דאָס לייב געברענט ;
אָ, ווענען קאָן איך עס זאָגן,
ווי כ׳האָב מיינע נאָנטע פאַרשעמט ?

אין פאַרוואונדערונג

איך טראַכט אַסאַך מאָל — אָ, ליבע פרוי!
פאַרוואָס ווען עס שטאַרבן טעג אין אָוונט-גרוי,
באַגלייטן מיר זיי ניט אַרויס מיט געוויין,
און ניט אין טרויער ברעכן זיך אונדזערע הענט,
ווען זון רוקט זיך אַוועק פון אונדז פאַרשעמט;
אָ, זאָג עס מיר ליבע פרוי, כ׳קאָן עס נישט פאַרשטיין!

איך קאָן עס נישט פאַרשטיין ווי ס׳קומט
וואָס רייד ווערן אין מיר פאַרשטומט,
גראַדע ווען פרימאָרגן צוואָגט זיך אין בלוי?
נאָר ליפּן וואָס טראָגן אַף זיך אַ צוים
גליווערן זיך אין ווייסן שוים;
כ׳קאָן עס נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס עס איז אַזוי?

ווי זשאַווער אַף אַן אַלטן שווערד
איז שוין מיסטאָמע מיר באַשערט,
צו וואָלקענען מיט איינזאַמקייט אַליין;
און אין טויטע ווייטקייטן איינגעשפּאַרט,
וואָש איך די הענט אין בלוט פון נאַכט.
אָ, ליבע פרוי, כ׳קאָן עס נישט פאַרשטיין!

נישט איין מאָל האָב איך באַ זיך געטראַכט:
וואָס איז דאָס פאַר אַ קויעך וואָס האָט געמאַכט —
אַז אַ מאַן אין מיינע יאָרן,
זאָל זיך צינדן אַ ווילדער אין געיעג
אַף ניט אַן אויסגעלייזטן וועג
אָן אַ ציל אַ קלאָרן!

נאָר מיסטאַמע האָט אין אַ האַרבסטיקער נאַכט
געוויס עמיצער צו מיר געבראַכט —
אומעט אויסגעוועבט אין אָוונט־גרוי ;
איז פון דעמאָלט האָב איך אין בענקעניש דערקענט
אַז זון רוקט זיך אַוועק פון אונדז פאַרשעמט,
ביזן אָנקום פון פרימאָרגן־טוי.

ס׳איז האָר מיינע ווי קופּער ברוין
כאָטש צייט זילבערט שוין —
מיין קאָפּ מיט גרויקייט איין ;
נאָר איך וויין נאָך אַלץ ווי אַ קינד
ווען אין קוימען צעפּאַטשט זיך מיט יאָמער אַ ווינט ;
אָ, ליבע פרוי, כ׳קאָן עס נישט פאַרשטיין !

ס׳איז נישט קיין טעמפּקייט וואָס לאָזט נישט פאַרשטיין,
פאַרוואָס מענטשן באַגלייטן ניט פרימאָרגנס אַרויס מיט געוויין,
ווייל מיסטאַמע וועט אייביק זיין אַזוי ;
נאָר עפּשער דער וויסן — איז פאַר די וואָס דו האָסט וואַרימקייט געשפּרייט,
וועלן מיט טויזנטער קלאָלעס פאַרלעשן דיינע רייד ;
אָט דאָס וואָס אַרט, נישט עמעס, ליבע פרוי ? !

נאַכט איז טויט

כ׳האָב איצט אויפגעריסן דעם מויל פון פרימאָרגן
און האָב זיך ווילד צעלאַכט;
ווי מאָדנע, דאָס האָב איך עס טאַקע דערוואָרגן
אַליין די שפּיזיקע נאַכט?

דערוואָרגן טאַקע אינגאַנצן
און די הענט זיינען רייך פון בלוט.
ווי מאָדנע, כ׳וועל זיך עס צעטאַנצן
מיט ווילדן שטעכיקן גלוט.

כ׳וועל לויפן אַלעמען אָנזאָגן
אַז פרימאָרגן האָט דאָס מויל אויפגעמאַכט;
אַז באַלד וועט אָנהויבן טאָגן
ווייל איך האָב דערוואָרגן די נאַכט.

אָ, אָ, דעם גוף האָב איך דאָ געבראַכט
ס׳זאָלן אים אַלע זען;
אַז דאָס האָב איך די נאַכט אומגעבראַכט
כאָטש איך וויים ניט ווי אַזוי ס׳איז געשען.

און עס הויבן זיך אָן באַוועגן מאַכנעס אָן אַ צאָל
פון אונדזערע אייגענע לייט,
און טאָג זאָגט אָן מיט קלאָרן קאָל
אַז מיר זיינען פון נאַכט שוין באַפרייט!

בלייבן אַלע וואַרטן גרייט
מיט צעצונדענעם מוט;
אָ, ס׳איז די נאַכט שוין טויט
און מיינע הענט זיינען רייך פון בלוט!

אויסלייז

אַלץ וואָס מיר איז גע̇בליבן איז טרויערן
אָבער ווי איז מיר, ווי איז מיר,
טרויער אַליין איז שטערבלעך!
(פון שעליס עלעגיע איבער קיטס טויט)

1

כ׳האָב הײנט
מיין לעצטע ביסל פרייד
צו קוואורע געבראַכט,
און געוויינט האָב איך
וואָס פרימאָרגנס ווערן פון טעג אויפגעפרעסן,
געשאָלטן האָב איך דער מאָמעס טראַכט
וואָס האָט אַף ערד מיך באַזעסן!
און גוט איז צו גלויבן
אַז עס איז שוין צעטראָטן
אַלץ וואָס רופט זיך אייגן בלוט,
און מיט געלעכטער
זיך לאָזן באַרויבן פון אַלע געבאָטן
מיט וועלכע מ׳האָט זיך אָנגעגורט.
איך האָב די נעכט פון לאַנג שוין געגעבן
מיינע אויסגעהאָרעוועטע הענט,
און מיט דעם וואָס איז שלעכט
אין מיין פאַרסאַמטן לעבן
האָב איך באַפּוצט די ווענט.
און דאָס איבעריקע אין מיר
וואָס איז ווייניק געבליבן
האָב איך אַף פענצטער און טיר
מיט אייגן בלוט פאַרשריבן.

און אויסגעברענט האָב איך אַף מיין לייב
מיינע גרויסע זינד:
די קלאָלע צו דעם וואָס רופט זיך ווייב,
די פרעמדקייט צו אייגן קינד!

2

אָ, פאַרגיב מיר, מאַמע,
מיינע שלעכטע רייד!
עס איז שוין אַזוי באַשערט,
אַז אַלץ וואָס עס רופט זיך באַ אונדז אָן פרייד
ווערט געשאַצט מיט גאָלדענעם ווערט.

אַז אַלץ וואָס מיר קריגן דאָ
אַף זינדיקער ערד,
קומט פון עמיצנס וויי!
אָ, פאַרגיב מיר, מאַמע,
ס'איז שוין אַזוי באַשערט
אַז איך זאָל נישט זיין ווי זיי!

נישט אויסגעקליבן
האָב איך פאַר זיך,
זייער אַלעמענס וועג!
אָ, פאַרגיב מיר, מאַמע,
וואָס איך קאָן זיך נישט באַוואָפענען,
ווי זיי, צום גאָלד־געיעג!

איך האָב שוין לאַנג פאַרווישט די האָפענונג
פאַר דיין זון וואָס דו האָסט אויסגעבעבנקט ;
אָ, פאַרגיב מיר, מאַמע,
וואָס איך שילט דעם לעבן
וואָס דו האָסט מיר געשענקט !

איך האָב פון אַלע מענטשלעכע פריידן
פאַר זיך — אונטערגאַנג אויסגעוויילט ;
אָ, פאַרגיב מיר, מאַמע,
וואָס איך האָב ניט מיינע יאָרן
ווי אַ קרעמער זיינע גראָשנס אויסגעציילט !

פאַרגיב מיר, מאַמע,
מיין אומרו אין מיר !
ס׳איז שוין אַזוי באַשערט,
אַז דער וואָס ראַנגלט זיך נישט מיט ציין
קומט אום אין נעגל־געפעכט !

איך האָב דיין קלאָלע אויפגענומען,
אויב דאָס הייסט באַ דיר זינד,
איז נעם מיך אויף, מאַמע,
ווי מ׳נעמט אויף
אַ ניט געראָטן קינד !

מיט די ווענט

איינזאַם, מיינע געטרייסטע אין עלנט,
אַט שטיי איך אַ הוילער פאַר מיינע אייגענע אויגן.
בין איך עס טאַקע?
ווי מאָדנע, דאָס איז איך!
אַזוי בין איך טאַקע
אין פאַרשאָלטענער הויט
וואָס האַלט מיין ווילד בלוט פאַרדעקט?
איז דאָס טאַקע דער גוף
וואָס האַלט אַף זיך אַזאַ לאַסט?
כ׳וואָלט נאָר געוואָלט זען
דעם פאַרבאַהאַלטענעם קויעך
וואָס שלעפּט די יאָרן
איבער ניט זיכערע ווילדערנישן.

מיד וויל איך שוין ווערן
ווי מיד ס׳זיינען מיינע אָנגעוויינטע ווענט.
פאַרגעסן וויל איך
אַז איינגעגעסענער לעבן שלעפּט זיך מיר נאָך.
געוואָלט וואָלט איך,
אַז מיין געשריי זאָל צעטראָטן ווערן.
ער האָט זיך שוין גענוג אָנגעפּאַשעט
אָפן צאַר פון מיינע הונגעריקע נעכט.

ווענט מיינע, אָ, ווענט מיינע!
אָנגעטרונקענע מיט מיינע יאָרן.
דערמאָנט מיך, כ׳בעט אייך!
די פריידיקע מינוטן וואָס ליגן פאַרוואַלגערט
באַ אייך!
דערציילט מיר, כ׳בעט אייך!

פון די שפּילעוודיקע שאָען
וואָס איר פרעסט פון מיינע קינדער אויף!
כ׳האָב דאָך צו אייך געבראַכט
אַזאַ זאַפטיקן גלויבן
מיט וואַרימער יונגקייט פון מיין כופּע־נאַכט!
און איצט, אַ צעקנייטשטער מיט אָפּגעריבענעם מוט,
לויף איך מיט שרעק אייך פאַרביי.
דערציילט מיר, כ׳בעט אייך!
אָט ווי איך דערצייל אייך איצטער
פון דער בענקשאַפט וואָס וויטיקט אַף מיר.
צעוויקלט פאַר מיר די צאַרטקייט
מיט וועלכער איך האָב שוין מיט צעלעכערטע אויגן
די פענצטער זאַט געמאַכט!

גאַסט דו ווייטער

אָט דאָס, ברודער גוטער, איז אַ האַנט,
אויסגעכאַוועט אין דער האַרציקייט פון ווייטן לאַנד,
ניט מיט גאָלד און בריליאַנטן פאַרפוצט,
ניט מיט פראַצע פרעמדער זיך באַנוצט,
נאָר מיט גלויבן אַזעלכן פון יענעם לאַנד,
אין דעם, ברודער גוטער, האָט זיך אויסגעכאַוועט די האַנט!
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

כ׳האָב די שוועל פון מיין געצעלט
אויסגעצירט אין בלומען;
און אַליין אין דערוואַרטונג זיך געקוועלט
ביז מיין ווייטער גאַסט וועט קומען.

אָ, גאַסט דו ווייטער, וואו ביסטו איצט,
פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען?
אָט ביז ניט לאַנג האָב איך זיך אַליין באַשיצט
מיט מיין צונג דעם שטומען.

אָ, ביז ניט לאַנג, דו ווייטער גאַסט,
האָב איך קיינעם נישט געשוינט;
איצטער האָבן די, וואָס איך האָב געהאַסט,
פאַר זייער קיניג מיך געקרוינט.

אַף פערד נאַכטיקע זיינען זיי מיט מיר אַוועק
ביזן סאָף פון וועג דעם קרומען.
און איבערגעלאָזט מיך דערנאָך אין וויסטן שרעק
מיט מיין צונג דעם שטומען.

איצטער בין איך אין מיין געצעלט
אַ קראַנקער אָנגעקומען;
און פאַר דיר האָב איך עס אָוועקגעשטעלט
באַם שוועל די טעפּ מיט בלומען.

שפּעטיק ניט, דו גוטער גאַסט,
כ׳וואַרט נאָך אַלץ אַף דיר.
ס׳קאָנען נאָך ווידער די וואָס איך האָב פאַרהאַסט
זיך דערנענטערן צו מיר.

ס׳קאָן נאָך ווידער זייער בייזער געלעכטער
באַלעסטיקן מיין פרייד!
ס׳וועט דאָך זיכער זייער טראָט דער שלעכטער
פאַרוויסטן, וואָס איך האָב פאַרזייט!

איז שוואַך בין איך צו קלאָגן
מיט מיין צונג דעם שטומען.
אָ, גאַסט, דו ווייטער, צי קאָנסטו נישט זאָגן:
פאַרוואָס דו ביסט נישט געקומען?

מיין פאַרשעמט הויז

כ׳האָב ווידער מיינע טריט
צו מיין פאַרפרעמדט הויז געבראַכט,
און מיט ציטערניש האָב איך זיי געהיט
ביז אַלע טירן האָבן זיך אויפגעמאַכט.

בין איך מיין שוועל אַריבער
און בין געבליבן שטיין פאַרשעמט;
איז מיר געוואָרן ליבער
מיין הויז וואָס איך האָב געשענדט!

קומען מיר אַרויס אַנטקעגן
אַזעלכע נאָנטע געשטאַלטן,
ווילן זיי וויסן פון די וועגן
וואָס האָבן מיך פאַרבאַהאַלטן.

און פאַרוואָס זיי האָבן די גאַנצע צייט
פון מיר גאָרניט געקאָנט וויסן;
ס׳מוז דאָך דער וועג געוויס זיין זייער ווייט —
וואָס האָט מיך פון זיי אַוועקגעריסן.

און וואו כ׳האָב מיין קראַנקן קאָפּ אָנגעשפּאַרט
אַז איך האָב זיי פאַרביטן?
ס׳האָט געוויס דאָס מויל פון נאַכט
מיט מיר אַוועקגעריטן!

ווילן זיי, כ׳זאָל דערציילן
וואָס ס׳האָט מיך ווידער צו זיי געבראַכט;
און צי וועל איך זיי אויסווײַלן
אָנשטאָט דאָס מויל פון נאַכט.

רינגלען זיי מיך אַרום
אַט די אַלע נאָנטע געשטאַלטן,
און קייטלען אויף אַלץ וואָס אין מיר איז שטום
און וואָס כ'וויל פון זיי באַהאַלטן.

רייס איך אויף מיין העמד
און דעק אויף פאַר זיי מיינע וואונדן
און דערצייל: אַז אַזוי, האָב איך אין דער פרעמד
מיין אייגן לייב אָנגעצונדן.

און איצט בין איך עס צו זיי
געקומען מיין לייב היילן,
כאָטש עס איז מיר שווער אַזוי
זיי אַלצדינג אויסדערציילן.

ווייל בייז איז געווען דער וועג
וואָס האָט פאַרצערט אַסאַך פון מיינע יאָרן.
און אָנשטאָט טעג
האָב איך צעקרימטע שרעקן געבאָרן.

בין איך מיט זיי געגאַנגען
פון שטאָט צו שטאָט, פון ברעג צו ברעג,
ווען עס האָט נאָר אונדזער צעקרימטקייט געפאַנגען
האָט אים באַלד פאַרפייניקט אונדזער שרעק.

האָבן מיר פאַרוויסט די שטעט
און פאַרברענט אַיעדער פעלד.
ניט געהאָלפן האָט געבעט
דאָרטן וואו מיר האָבן זיך אָפגעשטעלט.

האָב איך געוואָרט די גאַנצע צייט
אַף אַ נעס אַ שטומען;
ביז ס׳האָט נאַכט נאַכט מיך באַפרייט
פון דעם וועג דעם קרומען.

האָט מיך נאַכט אָפּלאָזן נישט געוואָלט
און מיך מיט זיך אַוועקגענומען.
האָב איך מיט יאָרן מיינע געצאָלט
קעדיי כ׳זאָל צו אייך קאָנען קומען.

און איך דערצייל זיי ווייטער
וואָס עס האָט מיט מיר געטראָפן.
ווי ס׳האָט זיך באַוויזן אַ רייטער
וואָס איז מיט מיר אַנטלאָפן.

ווי כ׳האָב אייגן לייב געברענט
מיט מיין ווילדן צאָרן;
ביז וואַנען ס׳האָט זיך פאַר מיר דערקענט
דער וועג — וואָס איך האָב פאַרלאָרן.

ווי איך דערצייל — ווי כ׳האָב זיך אויסבאַהאַלטן
פונעם פרעמדן וואָס איז מיט מיר געריטן;
האָבן זיך פלוצלונג אַלע נאָנטע געשטאַלטן
אין מיינע צעקרימטע שרעקן געביטן.

פלעכטן זיי גלייך אויס אַ קראַנץ
פון צעשטאָכענעם געלעכטער,
און עס פלאַקערט אויף אַ ווילדער טאַנץ
פון מיליאָנען ערטער.

און מיליאָנען שרעקן קוקן אַרויס,
גייען אונטער און ווערן געבאָרן;
ווייס איך ניט, וואָס עס איז פון מיין הויז —
איצטער אַזעלכעס געוואָרן?

פּלוצלונג הער איך אַ דומפּן רוף
פון אַ קאָל וואָס איז מיליאָנען יאָרן געשלאָפן;
און איך דערזע פון מיין שאָטן דעם גוף
פון וועלכן כ׳בין אַנטלאָפן.

בלייב איך צעטומלט שטיין
און הויב זיך אַליין אָן צו דערקענען,
ווייס איך, אַז כ׳וועל שוין פון דאַנען ניט קאָנען גיין
קעדיי מיינע נאָענטע געשטאַלטן — ניט פאַרשעמען.

נעם איך מיין קאָפּ בויגן —
פאַר די שרעקן וואָס איך האָב געבאָרן.
צינדן זיך אָן אַלע אויגן
מיט סאַמיקן ווילדן צאָרן.

שאַרט זיך מיין שאָטן מיט שווערדן־פינגער
גלייך צו מיר — מיט בייזקייט אָנגעגליט;
און עס צעוויגן קלאָלעס מילאָנען צינגער
פאַר וועלכע כ׳האָב זיך געהיט.

האָב איך צו די צינגער זיך געווענדט
מיט טפילע אויף די ליפּן;
האָט מיך באַלד דער צאָרן זייערער פאַרברענט
און איך האָב אין מיין שאָטן זיך געביטן.

איז ווי איך האָב אין מיין שאָטן זיך געביטן,
האָבן ווי טויערן זיך געעפנט די ווענט ;
האָט נאַכט מיט מיר ווידער אַוועקגעריטן
און מיין הויז איז געבליבן געשענדט !

סערגיי יעסענין

האָסט אַ ניט־דערזעטיקט לעבן

אין ווינטיקע מיילער פאַרוואָרפן,
ווי צעטראָטענע בלעטער
אומעטיקן דיינע נישט־דערזאָגטע ווערטער;
ערד רויע האָסטו אָנגעפּרעסן
מיט אָזעלכע זאַפטיקע שטימונגען,
און איבער צעלעכערטע וועגן
בלאָנדזשען דיינע נישט־דערקענטע קינדער;
אַף וועמען לעבט עס אויף דיין זומערדיקע ווילדקייט,
דו, גרויס דאָרפיש קינד, דו?
דו האָסט מיט דיין ווילדקייט נישט געקאָנט דערכאַפּן
די אָרויסשיילונג פון אַ נייער וועלט!
צו דאָרפיש ביסטו אויסגעוואָקסן,
ווי דער שרעק פון אַ ווילדן פערד
וואָס דערזעט אַנקומענדיקע ליכט,
אַזוי ביסטו פון קלאָרן טאָג אַנטלאָפן.
גאָלדענער אויפגיין —
אויסגעאָטעמט פון ווייסע נעכט,
וויסטער קלויסטער געבעט
האָט נאָכגעבילט אַף דיין פאַרפּלאָנטערטן טראָט.
האָסט אַזאַ בלאָנדע אומרו
מיט אייגן האַנט דערשטיקט,
נישט דערבראַכט האָסטו דיין וואָרט
ביזן צעצונדענעם צאָרן —
וואָס האָט זיך צעגאָסן אין אַלע ווינקלען
פון דיין נאַכטיק לאַנד.
דו — ווילד־גראָזיקער פויער דו!
פאַרוואָס האָסטו דיין גאַנג נישט דערפירט
ביז די גרענעצן פון צעשטראַלטער פרייד?

עס קלאָרט דאָך אויף אַף דיין פאָלק
אַזאַ צעטאַנצטער זוניקער יאָנטעוו !
עס זומערט דאָך שוין איבער בלאָטיקן שניי
אַזאַ רויט־צעפּאָכטער אויפקום.
דיין פאַרלאַכט פאָלק
האָט פון שימל זיך אויסגעשניטן !
און דו האָסט דיין יונג קרעפטיק בלוט
ווי אומריין וואַסער אַרויסגעגאָסן,
און דו האָסט מיט דיין גליענדיקן לעבן
פוילע גופים אָנגעזעטיקט.
עס וויינען דאָך פון דאָרפישע כאַטקעס אַרויס
דיינע צעבליטע יאָרן
וואָס דו האָסט פון פאָלק אַוועקגעריסן !

זוניקע טעג

אויפגעוועקטער גלויבן אין מיר,

אַזאַ קלאָרע פרייד,
האָב איך דאָס געוויגט אין מיינע הענט
איבער אַלעמענס קעפּ געטראָגן.
ווען האָב איך מיט אַזאַ פרייד
דעם קאָפּ מיינעם צעביילט ?
ווען האָב איך פון אַזאַ טראָגנדיקער גרינגקייט
אָפּגעקושט דעם סאָם פון מיין אָטעם ?
אַ גאַנצן טאָג האָב איך דעם נעכטן געזען
מיט צעלאָסטשעטע פינגער
פאַרבענקט אַף מיין גוף.
און כאָטש דיינע האָר זיינען ווי מיינע ברוין,
האָב איך דאָך די פעל איינגעשמירט יענעם טאָג
מיטן בלוט פון מיין האַנט.
אויפגעמאָנט האָסטו אין מיר
די שוין לאַנג פאַרגעסענע בענקשאַפט.
און כאָטש יעדע אויפגעלויכטענע דערמאָנונג
איז שוין לאַנג אין מיר געווען פאַרלאַכט,
האָב איך דאָך מיין אַרויפגעשלעפּטן
ניו יאָרקער לעבן,
אַף די אָפּגעקראַכענע ווענט
פון מיין צימער אויפגעהאַנגען.
ווי ס׳האָבן זיך צעפּרייט
מיינע אומגעלומפּערטע יאָרן
וואָס זיינען פון מיר אַזוי ווייטיקדיק
אָפּגעשניטן געוואָרן.
כ׳האָב געמיינט — אַז זייער צעפּוילטקייט —
האָט שוין באַלד מיין לעצטן כאָלעם אויפגעגריזשעט,
און כ׳וועל שוין יענע פּראָסטיקע נאָכט פאַרגעסן,

ווען ס׳האָבן אַרויסגעווײנט פון מיר
מײַנע דרײַ זין.

אָנגעטראָגענע נאַכט דעמאָלט מיט דיר,
אַזאַ בײזע לאַסט האָט זיך דאָס —
פון געמיט אַראָפּגעקײקלט.
אַזאַ אָנגעצונדענע צעווילדטקייט
האָט פון אַלע ווינקלען אַרויסגעשפּילט.
כ׳האָב דאָך דיך אין מיך אײַנגעדעקט,
דער ווינט זאָל דײַנע האָר און פּנים ניט דערזען.
כ׳האָב דאָך אַפילו דעמאָלט ניט געוואָלט
אַז מיר זאָלן —
פון הײַנען, בײַראָנען, און וואָלט וויטמאַנען רײדן.
ס׳האָט פאַר מיר אויפגעטאַנצט
דאָס פעלד, פון וועלכן רוס איז אַוועק
בויעזן איר קאָכנדיק לײב אָפּגעבן.
איך האָב אין זיך געגלעט די אויפגליאונג
פון יענע טעג, ווען דער רעבע פלעגט אַ צעפלאַמטער,
מיט דער מײסע רוס — דעם ענגען כײדער באַיאָנטעוון.

מינוטן מײַנע פון לעבן אַזעלכע ווײניקע.
שוין לאַנג, אַז איך האָב איבער מינוטן נישט געציטערט.
אַן אויפגעדרײטער בעט איך דאָך,
אַז די שאָען זאָלן גיכער דעם טאָג דערווערגן;
און מיט צעקרימטער פרײד
באַגעגן איך דעם סאָף פון טאָג.
און דאָ, אַזעלכע גיכע מינוטן,
וואָס האָבן פון די צײַן זיך אַרויסגעריסן!

אָנגעטראָגענע זוניקע אויפגעוועקטקייט;
כאָטש שווער זיינען אין מיר מיינע יאָרן,
און שפּיזיק פלאָנטערן זיך אָט די
פאַר וועמען איך האָב מיין האָפענונג צעביסן,
שפּיליע איך דאָך צו אָף מיין נאַקעט לייב
אָט די אויפגעברענטע פרייד,
וואָס איך האָב מיטן בלוט פון מיין האַנט
אָף די פעל, עפשער פאַר דיינעם אַ מאַנטל אָנגעצייכנט.

מיין אויסגעבעטלט ברויט

1

ס׳ברענט אין מיר מיין שטיקל אויסגעבעטלט ברויט
ווי עס וואָלט אין מיר זיך געצונדן געריך פון פייגאָרים.
יעדער אויסגעבעטלטער גראָשן האָט שוין פאַר מיר צוגעגרייט
אַ פאַרגעסענעם אָרט צווישן פאַרלאָזענע קוואָרים.

אַף מיין שטערן האָט זיך ביז סאַמע ביין אויסגעברענט
פון יעדן אויסגעוויינטן געשענקטן גראָשן,
אַזעלכע וויסט־צעדרייטע אַרויסגעשטרעקטע הענט
וואָס רייצן געוויין אין מיר מיט אַ בעטלערישן לאָשן.

אַ ווילדער ביטל וואונדיקט אין מיר
ווי עס וואָלט אין מיר געוואוינט אַ סאַמיקער פייער.
יעדער וואָלט געוואָלט אַז איך זאָל צום שוועל פון זיין טיר
פאַר זיינע גראָשנס ברענגען מיינע יאָרן ווי שטייער.

איך עס מיין ברויט פון פרעמדע הענט —
פון הענט באַשמאַלציקטע און זאַטע;
אַ בייזע קלאָלע הענגט אַף מיינע ווענט
ווי אַף אַ טעלעגראַף־סלופּ אַן איינזאַמע שמאַטע.

2

אָ, נויט צעקרימטע, וואָס וועט דאָ פון מיר ווערן?
ווי פאַרשאַרטע בלאָטע ליגט דאָ מיין מוט;
אַזאַ ווילדע גלוסט אַליין זיך צו צעשטערן
גרייט זיך מיט ווילן אין מיין פאַרשעמטע בלוט!

דער ווילדער ווילן וואַקסט אין מיר גרעסער —
ער גלעט מיך צערטלעך — און מאַכט מיר באַרוט.
אַף מיין טיש אין בענקעניש ליגט אַ שאַרפער מעסער
און כאַלעמט אַ הונגעריקער פון מיין וואַרים בלוט!

אָ, אייביקייטן בלויע, נעמט צו מיינע גרוסן,
מיין רו אין אייך האָב איך שוין באַלד אויסגעשפּונט;
נויט גרויע, לאָמיר זיך צעקושן,
כ'האָב שוין מיט שאַרף פון מעסער געשלאָסן אַ בונד!

פון צוויי קריטישע נעכט

ערשטע נאַכט

1

עס האָבן פענצטער געקוקט פאַרשלאָפן,
ס׳האָט נאַכט אין גאַסן איינציקע פאַרנאַרט.
נאָר איך בין מיט אומרו מיינעם געלאָפן
צו אויגן גרינע, וואָס האָבן אף מיר געוואַרט.

אויגן גרינע, מיט שפּיזן אָנגעשטאָכן,
האָבן מיך, פון לאַנג פאַר אַ שוטעף געוואָלט נעמען.
נאָר איך האָב זיי געלאָזן וואַרטן וואָכן
און מיט מיין מורע זיי געטאָן פאַרשעמען.

נאָר אין דער נאַכט, האָט מורע, זיך דערשראָקן,
ווען באַ מיר האָבן הענט צעדרייטע אין ווילדקייט זיך צעצונדן.
און האָבן זיך אַריינגעריסן אין אַלע הויכע שטאָקן
וואו עס איז געלעגן מיין אומרו צוגעבונדן.

אומרו מיינער, וואָס זאָל איך דיר איצטער זאָגן,
נאָכדעם ווי איך בין פון דיר אַנטרונען ?
לאָמיר לויפן געשווינדט צו די וויסטע ראָגן
וואו אויגן גרינע, דאַרפן זיך געפינען.

2

כ׳האָב מיט הויזגעזינט זיך ניט געזעגנט,
און האָב אַלע נאָנטע נאָענטע אויסגעביטן
פאַר אַ שוואַרצער קאַץ וואָס איך האָב באַגעגנט
דעמאָלט ווען איך האָב צו היים רואיקער, געריטן.

ס׳האָט שוואַרצע קאַץ מיר נעגל שאַרפע געוויזן
און האָט אין מיין בלוט אָנגעצונדן אַ שרעק;
און זי האָט מיך געבראַכט צו די גרינע אויגן מיט שפּיזן,
מיט וועמען כ׳בין עס צו די וויסטע ווייטענישן אַוועק!

כ׳האָב אַליין געזען, ווי ס׳איז געלעגן מיין האָפענונג דערוואָרגן,
אַפן טויטן גוף פון מיין אויסגעצייטערטער פרייד.
ס׳האָט מיט כויזעק מיך באַגעגנט דער פרימאָרגן
און פאַרצערט באַ מיר אַזעלכע אויפגעלויכטענע רייד!

ס׳האָט שוואַרצע קאַץ פאַרזייט קרומען געלעכטער
און האָט ווי אַ גוילעם אַף סלופּעס מיך אויפגעהאַנגען.
זיינען מיט בייזקייטן געוואָרן אָנגעשוואָלן מיינע ווערטער
און אויסגעלאָשענע, האָבן זיך געוואַלגערט, מיינע געזאַנגען.

ס׳האָט אין הילפלאָזיקייט, צונג מיינע גענומען זאָגן:
אַ, קאַץ שוואַרצע, וואו האָסטו מיך געבראַכט?
זע, לאָז מיך אָפּ ווי ס׳וועט נאָר אָנהויבן טאָגן,
עס גליווערט זיך, מיט שרעק אַף מיר, אַרויף די נאַכט.

כ׳האָב צו דיר געבראַכט אַזויפיל אויסגעצערטלטע כאַלוימעס
וואָס איך האָב אויסגעוויינט פון אַלע שטעכיקע וועגן.
און דו האָסט מיך גאָר פאַרוואָרפן מיט צעפּילטע זוינעס
און אויסגעוויינט באַ מיר, מיין אָפּגעשפּאָרט פאַרמעגן.

כ׳האָב דאָך צוליב דיר נאָנטע אויסגעמיטן
און געלאָזט זיך העפקער מיטן רוף פון ווינט;
און דו האָסט לעבן מיינעם דעם צעבליטן —
אָנגערייצט מיט וואָי ווי פון טויזנט הינט.

איצטער וויג איך זיך אַף סלופּעס ווי אַ שאָטן
און אויגן שטאַרן צו וועלטן וואָס זיינען שוין נישטאָ;
האָט שוואַרצע קאַץ ווי טויזנט שיידים אַף מיר געטראָטן —
און געלאַכט צו מיר ווי אַ בלינדע קראָ.

האָב איך געלעכטער שוין נישט געקאָנט איבערטראָגן,
ס'האָט מענטש אין מיר, נישט געוואָלט בלייבן פאַרשעמט;
האָב איך מיט צאָרן אויפגעבונדענעם, איר גענומען שלאָגן,
און אין איר בלוט, האָב איך געוואַשן מיינע הענט!

און זי, מיט אויגן אָנגעשוואָלן,
האָט מיט צונג אַרויסגעשטעקטן פון מיר געשפּאָט,
און מיט אויגן גרינע, וואָס זיינען געקומען אָן צאָלן,
איז זי אַרום מיר אַוועק אַ צעקרימטן קאַראַהאָד!

צווייטע נאַכט

עס זיינען טראַכטונגען פון מיר אַנטרונען,
און טעמפּקייט האָט זיך אַף מיר אויסגעצויגן,
און ניט געאַרט האָט מיך וואָס מ'האָט צוגענומען,
טויזנטער כאַלוימעס פון מיינע אויגן.

כ'בין אַליין פון די סלופּעס אַרונטערגעשטיגן
ווי עס וואָלטן טרעפּ אויסגעשניצטע געלעגן.
ס'האָט צונג מיינע, אַ פאַרמאַטערטע געשוויגן,
נישט באַגריסט האָב איך די, וואָס זיינען מיר געקומען אַנטקעגן.

עס האָבן פיס אין מידקייט זיך געטראָגן
און פאַרווישט הינטער זיך אַיעדן ציל.
נאָר אומעט מיינער, האָט אין שוואַכן קאָפּ געשלאָגן
און פון די בלוטן, געקוויטשעט ווי אַ גריל.

פון אַ ברודיק ווינקל האָט זיך אַרויסגעשאַרט,
ווי אַ קראַנקער הונט, אַ כאַוער, וואָס כ׳האָב שוין לאַנג נישט
געזען.

האָבן אויגן באַ מיר ווי טירן זיך פאַרמאַכט
און נישט געוואָלט וויסן האָב איך, וואָס ס׳איז מיט אים געשען.

נאָר ער האָט אַ ביינערדיקע האַנט צו מיר אויסגעשטרעקט
און מיט גלעזערנעם שמייכל האָט ער פון מיר אַלץ געוואָלט זיך
דערוויסן.

האָב איך מיט זיין קראַנקער ברודיקייט זיך באַדעקט
און עס האָבן אויגן פאַרשלאָסענע באַ מיר זיך אויפגעריסן.

האָט נאַכט אונדזער צעוואונדעט לייב דערזען
און אַף הערנער אירע, אונדז אַוועקגעטראָגן.
האָט נישט געאַרט אונדז וואָס עס וועט געשען
מיט לעבן אומעטיקן, וואָס מיר האָבן דערוואָרגן.

ס׳האָט ווינט באַ אונדז באַשיצונג געזוכט
און קראַנק־לייב אונדזערס געגלעט;
און פון ווייטן האָט זיך אויסגעדוכט
אַז ס׳האָבן קינדער אייגענע זיך צערעדט.

זיי זיינען מיט ליכטיקע פּענימער אונדז געקומען אַנטקעגן
האָבן זיך מיט אונדז צעקושט, און זיינען אַוועק,
נאָך איידער מיר האָבן זיי געקאָנט פרעגן :
וואו עס ליגט באַהאַלטן זייער וועג ?

ס׳האָט נאַכט אַף הערנער אונדז געטראָגן
נישט געוואוסט וואו האָבן מיר אַליין ;
ס׳האָבן פליכעוואַטע הימלען, די פּענימער זייערע געצוואָגן
און געכויזעקט צו אונדז מיט צעפּוילטע ציין.

מיר האָבן זיי קראַנק לייב אונדזערס געוויזן
און באַ זיי ראַכמאָנעס געוועקט.
זיינען מיטאַמאָל געקומען צו שוועבן, גרינע אויגן מיט שפּיזן
און שוואַרצע קאַץ, מיט איר קאָפּ אַרויסגעשטעקט.

זיינען מיר פון נאַכטס הערנער אַראָפּגעקראָכן,
און האָבן צינגער אונדזערע פון שטומקייט אויפגעבונדן.
האָבן גרינע אויגן אונדז דאָס לייב צעשטאָכן
און שוואַרצע קאַץ, האָט געגראַבלט אונדזערע וואונדן.

פּלוצלונג האָט כאַוועער זיך צעלאַכט;
און איך האָב טויזנטער אָפּגעקראָכענע פּענימער דערזען.
אַלע האָבן מיט בייזקייט זיך צו מיר געשפּאַרט,
ווייס איך נישט וואָס עס איז דאָ געשען?

האָט כאַוועער זיך מיט שוואַרצער קאַץ צעקושט,
און מיט זיין ברודיקייט מיך בלינד געמאַכט.
האָב איך ערשט איצטער זיך דערוואוסט,
אַז דאָס האָט ער מיך, צו שוואַרצער קאַץ געבראַכט.

ס'האָט כאַוועער, מיט זיינע ביינערדיקע הענט,
מיך צוריק אַף סלופּעס צוגעבונדן.
האָב איך פון זיין בייזקייט זיך פאַרשעמט;
איז ער אַן איינגעבויגענער פון מיר פאַרשוואונדן.

האָב איך צו שוואַרצער קאַץ געזאָגט:
דאָס האָט מיין גוטסקייט דיך אַזוי ווילד געמאַכט,
איז פאַרוואָס־זשע יאָמערסטו אַף מיר מיט קלאָג
און רייצסט אָן אַף מיר די קרעציקע נאַכט?

האָט שוואַרצע קאַץ זיך עלעגאַנט פאַרנויגט
און שטאַרקער די שטריק אַף מיין האַלדז פאַרצויגן.
האָב איך אין אייגענעם בלוט זיך געוויקט
און צו וועלטן פאַרלוירענע געשטאַרט די אויגן.

ס'האָט זיך אונטערגיין נישט געוואָלט,
ס'האָבן ווידער כאַלומעס מיך געגלעט;
האָב איך שוואַרצע קאַץ מיט האָפענונגען געצאָלט,
און זי האָט מיט פוילן מויל פון מיר געשפעט!

אָט וואָס עס בלייבט מיר צו טאָן

אָט וואָס עס בלייבט מיר צו טאָן

ס׳האָבן אַלע פֿאַר מיר שוין אָפּגעטראַכט
וואָס עס קאָן זיין און וואָס עס קאָן ווערן.
איז פון וואָס־זשע זאָל איך טראַכטן:
מיסטאָמע פון הימל וואָס שוואַנגערט מיט שטערן?

און פון וואונדערלעכן מילכיקן וועג
פון וועלכן עס טרינקען הימלען.
נאָר דאָס האָט מען שוין פאַר מיר אויך פאַרטראַכט,
בלייבט מיר נאָר איבער צו דרימלען.

דרימלען און טראַכטן: פון אַזאַ צייט
וואָס איז נישט נאָנט, און נישט ווייט.

מ׳האָט שוין אַלץ אָפּגעזאָגט,
איז פאַר מיר נישט געבליבן וואָס צו ריידן.
בלייבט נאָר איבער איין זאַך צו טאָן:
אָנהויבן טראַכטן פון מיין זיידן.

פון אַלטן אָרימען זיידן
וואָס ליגט נעבעך קראַנק.
שיק איך אים טרייסט־גרוסן
און ער שיקט מיר צוריק אַ דאַנק.

וויג איך דעם דאַנק אַזש ביז יענער צייט
וואָס איז נישט נאָענט, און נישט ווייט.

מ׳האָט שוין פאַר מיר פאַרטראַכט
ווי אַזוי מענטשן דאַרפן לעבן.
זיץ איך און אומעטיק אַליין
און טראַכט: וואָס קאָן איך זיי געבן?

אַז שטרוי האָבן זיי איבערגענוג
און די הימלען קאָן איך זיי נישט שענקען.
וואַרט איך אַף טויאיקע פרימאָרגנס
און פאַרגיי אין בענקען:

פון דער גאָלדענער צייט,
וואָס איז נישט נאָנט, און נישט ווייט.

ווערט דאָך מיר שווער צו זיין
אין אַ וועלט וואָס האָט שוין אַלץ פאַרטראַכט.
פאַרשפּיל איך זיך מיט אַ טויטער פליג
וואָס האָט אַליין זיך אומגעבראַכט.

האָט זיך נעבעך די פליג דערשראָקן
און איז פון מיר אַנטלאָפן.
איז מיר גאָרנישט געבליבן צו טאָן
נאָר זיך זעצן און האָפן:

פון יענער צוגעזאָגטער צייט
וואָס איז נישט נאָנט, און נישט ווייט.

דער פּאָעט איז געשטאָרבן

1

ווי ס׳וואָלט זיי אַ ביס געטאָן אַ בייזע פליג,
אַזוי האָבן זיך אַלע אין קאָפּע, געטאָן אַ וויג,
ווען מ׳האָט די נייעס געבראַכט
אַז דער פּאָעט האָט די אויגן צוגעמאַכט.
עס איז אַזוי נישט געווען דעם פּאָעטס טויט —
וואָס האָט אַזוי שווער זיך צעשפּרייט,
מיט אַזאַ שאַרפן טיפן טרויער
אָפן שפּיץ פון יעדנס אויער.
עס איז געווען אָט דער וויסטער געפיל
וואָס האָט זיך באַ אַלעמען געטראַכט אין דער שטיל,
פון דעם אומפאַרמיידלעכן, אייביקן סאָף
וואָס ליגט נאָך דערוויילע באַ זיי אין שלאָף,
און נאָר ווען אַזעלכע נייעס קומען אָן
וואָס רופט באַ זיי אַרויס דעם דערמאָן,
וואָס גייט אַדורך ווי אַ ווינט דורך די ציין,
אַז אויך זיי וועלן אין די אייביקייטן פאַרגיין.

עס האָט באַ זיך דער מעצענאַט געטראַכט
פון פּאָעט וואָס האָט די אויגן פאַרמאַכט,
און פון זיין אייגן ביסל אוילעם־האַבע
וואָס ער האָט זיך איינגעקויפט מיט אַ טעפּל קאַווע,
מיט וועלכער ער פלעגט אויפהאַלטן דעם פּאָעטס געמיט,
יעדן מאָל ווען ער פלעגט באַשיינען די קאָפּע מיט אַ וויזיט.
נאָר איצט האָט אים אַביסל געשטאָכן דער געוויסן
און אין האַרץ באַ אים האָבן קעץ זיך געריסן,
פאַר אַ זאַך וואָס ער קאָן ביז איצט נישט פאַרגעסן,
אָט דאָס וואָס ער האָט דעם פּאָעט נישט געגעבן אָפּצועסן.

עד, ווען דער פּאָעט וואָלט איצט געלעבט —
האָט פון אים די אייגענע כאַראָטע געשפּעט;
און גערייצט זיך אין אים מיט אַ ווילדן קאָל —
צוויי מאָלצייטן וואָלט איך אים באַשטעלט מיטאָמאָל!

2

ווי גערוך פון אַ פערדישן שטאָל
האָבן ווערטער אַ פלייץ געטאָן ווי פון אַ קוואַל,
אַפן כעשבן פון פּאָעט, וואָס האָט די אויגן פאַרמאַכט
זיינען זיי געפאַלן ווי העלדן אין שלאַכט.
פּלוצלונג, איז אַ באַס-קאָל געקומען פון דער הויך, —
דאָס האָט געלאָזט זיך הערן, דער פּאָעט מיט קורנאָסן בויך,
מיט אַ קאָל אַזאַ, וואָס לאָזט זיך אויס מיט אַ קוויטש:
אַז דער פּאָעט איז געווען — אַ סאָנאָוואַביטש!
און נישט נאָר דאָס אַליין —
כאָטש צו זאָגן דאָס איז זייער נישט שיין,
ווייל עס כאַפּט אָן אַ גרויל —
ווען מ׳דערמאָנט זיך ווי דער פּאָעט, פלעגט עפענען דעם מויל,
אַזוי פלעגט זיך באַלד לאָזן פילן איבעראַל
ווי עס פלייצן ווערטער פאַרסאַמט מיט גאַל,
ווערטער, וואָס פלעגן ווי שטיינער בלייבן ליגן
אַף די קעפּ פון די, וואָס ער האָט מיט גאַל באַשפּיגן.
און ווער קאָן אים פאַרגעבן זיינע זינד,
דאָס וואָס ער האָט געמאַטערט אַ פרוי מיט אַ קינד,
וואָס פלעגן באַ אים פון הונגער אויסגיין.
עד. אָט דאָס איז אַ מענטש וואָס איז געווען נישט ריין!
איז ווער־זשע זאָגט, ס׳איז געווען אַ שאָד
וואָס נישט קיין אַנדערער — נאָר ער גראָד —

האָט די אויגן פאַרמאַכט;
ווער ווייסט וויפל מענטשן ער וואָלט נאָך פאַרלאַכט!

און אַלע האָבן געשפּיגן אין רויך
פּונקט ווי דער פּאָעט מיטן קורנאָסן בויך,
און ווערטער האָבן אַרום אַלעמען זיך געדרייט,
שוין נישט וועגן פּאָעט וואָס איז געווען טויט,
נאָר וועגן איינעם וואָס מ׳דאַרף דערלאַנגען
דערפאַר וואָס ער איז עפּעס אַ זינד באַגאַנגען.
און נישט אַנדערש איז שוין אויסגעקומען
ווי ער וואָלט באַ עמיצן עפּעס צוגענומען,
צוגענומען עפּעס, פאַרוואָס עס קומט אַ שטראָף,
אַ שטראָף אַזאַ — און זאָל עס נעמען אַ סאָף!

אין דער צייט וואָס מ׳האָט באַרעדט
אָט דעם אָרימען וויסטן פּאָעט,
מיט אַלע גערוכן פון אַן עסטעטישער שפּראַך,
האָט דעם פּאָעטס נעשאָמע זיך פאַרטשעפּעט אין אַ דאַך.
איז כאָטש שטאַרב אַוועק, ער קאָן ווייטער נישט פליען,
זאָלן נאָר זיינע אָוועס פאַר אים זיך מיען,
ווייל אומעטיק איז צו בלייבן אַפן דאַך אַליין,
האָט זיך דער פּאָעט געקליבן צו פאַרגיין אין געוויין.
איז צו וואָס האָט אים געטויגט זיין האָפן
אָט דאָס וואָס ער איז פון דער ערד אַנטלאָפן,
ווייל עס קאָן אים נאָך אויסקומען די רייד צו הערן
און דאָס אַליין איז גענוג מ׳זאָל צוריק לעבעדיק ווערן.
איז אַזוי טראַכטנדיק — האָט אים באַגריסט
טריט — מיט גערוך פון צעראָיעטע מיסט,
וואָס האָבן זיך געיאָגט אין ווייטן פרימאָרגן
אָנזאָגן די ווייבער, אַז דער פּאָעט איז געשטאָרבן.

3

עס איז שוין די נעשאָמע אין די הימלען פאַרפלויגן,
איצט איז דער פּאָעט אַ רואיקער געלעגן אויסגעצויגן,
ערגעץ וואו אין אַ פרעמדן געצעלט
מיט אַ געלן פייג אַרויסגעשטעקט צו דער וועלט.
ס'האָט די גאַנצע קאָפּע זיך אַרומגעקליבן
און יעדערער האָט אין גרעסטן טרויער געשוויגן,
ווייל אויב מ'וויל עפּעס זאָגן, מוז מען זייען דורך די ציין,
ס'איז דאָך אַ לעווייע — איז ריידן הויך נישט שיין.

דער פּאָעט מיטן קורנאָסן בויך האָט צו זיך געטראַכט:
וואָס פאַר אַ שוואַרץ־יאָר האָט אים אַהער געבראַכט?
פונקט איצט ווען ער האָט נישט קיין רו,
ווייל מיט אַ שיינער מיידל האָט ער געמאַכט אַ ראַנדעוואו,
איז ווי מיט אייזערנע קאָמען האָט אים געריסן דער צאָרן,
ווער ווייסט, מ'וועט נאָך דאַרפן צום בעסאַלמען פאָרן.
צו וואָס, ווייסט ער נישט אַליין —
אָבער זיך אויסצודרייען איז אויך נישט שיין.
נאָר, וואָלט ער אים מיט זיין פאָרן צוריק לעבעדיק געמאַכט,
עפשער וואָלט ער עס גענומען גוט אין באַטראַכט,
און וואָלט געלאָזט אין איינזאַמקייט דעם ראַנדעוואו
קעדיי צו געבן דעם געוויסן אַביסל רו.

און פלוצלונג זיינען אַזוי זיך פאַרביי
געקומען צוגיין עפּעס אידן דריי,
און האָבן מיט פאַרוואונדערונג זיך אָוועקגעשטעלט
באַם סאַמע שוועל פון איינזאַמען געצעלט:

אוי, וואָס טוען אונדזערע אויגן זען ?
זאָגט אונדז מיר בעטן אייך וואָס איז דאָ געשען ?
דער פּאָעט איז געשטאָרבן —
דער ווער ? —
דער פּאָעט איז געשטאָרבן !

האָבן זיי געוואָרפן אַ לעצטן קוק
און מיט די אַקסלען געגעבן אַ טאַמעוואַטן צוק :
כ׳ווייס ווי מאָדנע —
ס׳זיינען דאָ אידישע נעמען : מיכל, זאַוול,
אָבער דער פּאָעט ?
כ׳לעבן, כ׳האָב נאָך קיין מאָל נישט געהערט —
ע, נו, וואָס איז דער אונטערשיד —
מיסטאַמע איז דאָס געוועזן אַ שפּאַנישער איד !

עס האָט זיך רואיק אַריינגעריטן,
אַ שרייבער מיט הענט ווי פון דעמבעס אָפּגעשניטן,
און אויגן פון טרערן זיינען אַזש געוועזן גערירט,
און דעם גאַנצן פּאָנים אין טרויער אויסגעשמירט.
פאַר אים איז דעם פּאָעטס טויט אַ גרויסער פאַרלוסט,
אַ זאַך אַזאַ, וואָס ער וואָלט געוואָלט עס זאָל ווערן באַוואוסט, —
אָט דאָס וואָס דעם פּאָעטס טויט האָט אים אויסגענוצט
אַז ער האָט אַפילע זיינע שיך נישט אָפּגעפּוצט,
וואָס דאָס אַליין איז פאַר אים אַזוי שווער
אַזאַ וויכטיקן שרייבער און נאָבעלן הער.
ער וועט שוין זיכער צום בייסאַלמען פאָרן,
זאָלן מענטשן וויסן — וואָס ער האָט פאַרלאָרן !

איז ווי פון אַ לאַנגען שפּאַציר
זיינען געקומען צוגיין עפּעס אידן פיר;
און האָבן מיט פאַרוואונדערונג זיך אַוועקגעשטעלט
באַם סאַמע שוועל פון איינזאַמען געצעלט:

אוי, וואָס טוען אונדזערע אויגן זען;
זאָגט אונדז מיר בעטן אייך וואָס איז דאָ געשען?
דער פּאָעט איז געשטאָרבן —
דער ווער? —
דער פּאָעט איז געשטאָרבן!

עס מוז זיין אַ נאָמען פון אַ אידן, אַ טרייפן,
ווייל נאָר אין אַמעריקע קאָן זיך אַזעלכעס פאַרלויפן.
איר הערט וואָס דער מענטש האָט דאָ גערעדט:
אַ אידישער נאָמען וואָס הייסט דער פּאָעט!

עס האָט אָנגעהויבן דער קריטיקער מיט די ברילן —
צו ריידן וועגן פּאָעט, מיט אַ קאָל אַ שטילן,
וואָס האָט געלאָזט זיך פילן אין פרעמדן געצעלט,
ווי ס'וואָלט געקומען פון יענער וועלט.
דאָס איז ער אַזוי באַם שפּיגל געשטאַנען
און געאיבט דאָס קאָל, טאַקע ביז וואַנען —
עס האָט זיך באַקומען ווי אים געפעלט,
אַ קאָל אַזאַ ווי פון יענער וועלט.
און איידער ער איז געקומען די רעדע דערלאַנגען,
איז ער פריער אין מיקווע געגאַנגען,
אויסצושאָקלען אַלע טאַשן,
און פון די זינד זיך אָפּצוואַשן,
ווייל איצטער מוז ער האַלטן סטאַט,
כאָטש אין גאָט ווייסט, ווי ער האָט דעם פּאָעט פיינט געהאַט.

עס איז זיכער נישטאָ וואָס צו קלערן,
האָט ער געענדיקט מיט שווערן,
אַז ער וועט נישט רוען מעסלעסן
קעדיי דער פּאָעט זאָל נישט ווערן פאַרגעסן.

איז ווי עמיצער וואָלט זי דאָ פאַרנאַרט,
האָט זיך אַן אַלטיטשקע אידענע צוגעשאַרט,
און האָט אָנגעהויבן דעם קאָפּ אירן ציען
וואָס האָט פון אַלטקייט געוואָלט אַראָפּפּליען,
און מיט אַ קאָל וואָס איז שוין טויזנטער יאָרן טויט,
האָט זי אַ פרעג געטאָן מיט גרויס באַשייד:

אוי, וואָס טוען מיינע אויגן זען;
זאָג מיר כ׳בעט אייך וואָס איז דאָ געשען?
דער פּאָעט איז געשטאָרבן —
דער ווער? —
דער פּאָעט איז געשטאָרבן!

אוי ווײ, ס׳זאָל נאָר באַ אידן נישט געשען;
געוויס איז דאָס אַ צאַדיק אַ איד געווען!

אַט אַזאַ ברודער

פאַר זיך אַליין וועל איך געוויס נישט זינגען
נישט פון פרייד, נישט פון צאָרן.
נישט איך וועל פאַר דעם עמיצן דינגען,
ווייל גראַדע איצט, איז מיר מיין ברודער — אַ סוינע געוואָרן.

אַ סוינע געוואָרן! נו, באַסטאַ, וואָס נאָך?
ווער קאָן עס וועגן אַזעלכע זאַכן זאָרגן?
אויב אין פוילע געכט וועל איך דערפילן דעם בראָך,
וועל איך מיר אַן אַנדערן ברודער באָרגן.

אַ ברודער, וואָס זעט נישט אַנדערש ווי יעזוס אויס,
מיט צעווייקטן פּאָנים און וואַסערדיקע אויגן,
וואָס זאָל זיך נאָך וואַרעמען אין דער מאַמעס שויס —
אַזעלכער מוז געוויס מיט נאָבלקייט זיין דערצויגן.

אַ נאָבעלן ברודער, איז דאָס וואָס איך דאַרף,
וואָס אָרימקייט האָט אים נאָך נישט געשענדט;
אַזאַ וואָס קאָן טאַקע שפּילן אַף אַ האַרף,
מיט איידל־דערצויגענע נאָבעלע הענט.

אָבער אַ ברודער אַזאַ, ווערט אויך נימעס אַמאָל,
און נישט שטענדיק קאָן מען שפּילן הערן.
איז אַזוי ווי איך בין נישט צוזאַמענגעשטעלט פון שטאָל,
וועל איך שוין פון זיין איידלקייט קיין לייט נישט ווערן.

בערג זייַנען דאָך געוויס אַסאַך פאַראַן,
פון וועלכע מ׳קאָן ציילן די שטערן.
קלייב איך אויס אַ באַרג־שפּיץ, די גרויס פון אַ שפּאַן
און הויב זיך גאָר וואַזשנע אָן צו פאַרקלערן:

וואָס קאָן מען טאָן מיט אַ ברודער, וואָס זעט ווי יעזוס אויס,
און איז מיט אײדעלער נאָבלקייט דערצויגן ?
ווייל אויב ער וועט אַזוי הענגען אַפּן וואַנט פון הויז,
וועט אַפּילע זיין שפּילן שוין באַלד נישט טויגן.

איז ווי קאָן איך זיך דערלויבן, אַז אַזאַ גרויסע זינד
זאָל פּאַלן מיט איר צאָרן אַף מיין אָרימען קאָפּ ?
זעץ איך זיך אַרויף רייטנדיק אַפּן רוקן פון ווינט,
און כאַפּ זיך אַרונטער צו דער ערד אַראָפּ.

און מיין ברודער מאַריניר איך אין עסיק איין —
אַזאַ נאָבעלער מענטש מוז דאָך האָבן רו !
איז אַזוי ווי מירביידע דאַרפן שוין צוזאַמען נישט זיין,
גיי איך טאַקע אַוועק, אָבער —
מ׳טאָר
נישט
זאָגן
וואו !

מיין טאַטנס אַ טפילע, פאַר מיר, זיין ערשטן זון

אַף די קני
פאַר דיר
אַלע אינדערפרי
אַף אַ בערגל מיסט,
וואָס כ׳וועל אַוועקלייגן
באַ מיין טיר,
מיט דיין בילד פונקט אַנטקעגן מיר
אַף אַ קליינעם טיש,
וואָס וועט שטיין דערביי!
וועל איך פאַר דיר
זיך איבערציילעמען אַמאָל דריי,
נאָכדעם אין דער שטיל
וועל איך נעמען אַ הויפן מיסט,
און וועל דיין פאָנים
(אַזוי, צוליב שפיל)
ווי ס׳וואָלט געטאָן אַ פרומער קריסט,
אויסשמירן אים
פאַרן אויסזען פון אַן אידיאָט,
און וועל מיט פרייד
אַוועקלויפן אין שטאָט,
און פאַררופן אַלע קלוגע לייט,
וואָס וואוינען סיי נאָענט סיי ווייט,
און אויסרופן אַף אַ גרויסן קאָל:
איר זעט דאָס בילד!
ס׳איז דער ערשטער פון מיינע זין —
דער זון פון גאָט!

נאַכט-געוויין

פון וואָס קאָן יאָסל קלערן פיר פאַרטאָג;
אַז נישט אַלץ קאָן מען דאָך וועגן אַף אַ וואָג,
און זיכער נישט פון דער צייט וואָס איז אַוועק,
איז פון וואָס-זשע קלערט יאָסל: געוויס נישט פון שרעק?

געוויס נישט פון שרעק, מיינע טייערע לייט,
און אויך נישט פון אַזאַ-און-אַזאַ גאָלדענער צייט.
זאָל מען זאָגן: אַז דאָס איז פון באַליידיקונג אַמאָל?
דאָס פאַרלאַכט שוין יאָסל לאַנג מיט זיין לייבישן קאָל!

איז וואָס-זשע פאָרט טראַכט יאָסל אין אַזאַ צייט,
ווען ס'שלאָפן שוין געוויס אַלע פיינע לייט;
פון גאָלדענעם טרויער וואָס וויינט אין זיין בלוט,
צי פון זיין הינטיש לעבן וואָס ס'איז נישט באַרוט?

נאַכט טרויעריקע, וואָס-זשע פאָרט
קאָן עס יאָסל טראַכטן אין זיין מויזן-אָרט;
וואָס האָט שוין נישט איין כאָלעם זיינעם פאַרצוקט,
ווען ער האָט צו זון גאָלדענער, מיט בענקשאַפט זיך געבוקט?

פון פעלדער געוויס, וואָס זיינען באַקליידט
מיט ראַכוועסדיקער גרינער פרייד,
און זאָגן אָן מיט גרייטן פייערדיקן קאָל
פון אַן אייביקן זומער וואָס וועט זיין אַמאָל.

איז דאָס פון אייביקן זומער וואָס יאָסל טראַכט;
אַף וועמען מידע דוירעס האָבן מיט האָפענונג געוואַרט?
געוויס האָט יאָסל מיט דעם נישט צו טאָן,
און נישט האָפענונג פון דוירעס גייט אים אָן.

ס'איז דער צאַר פון זיין ברודער, וואָס זשאַווער אים עסט
דערפאַר וואָס באַ אים זיינען די הויזן נישט געפּרעסט,
און דאָס וואָס ער האָט פאַר לייטן אים פאַרשעמט,
מיט זיינע אומגעלומפּערטע צעמאָזאָליעטע הענט!

אָ, מיינע טייערע, ס'איז דעם ברודערס קלאָג,
וואָס באַאומרואיקט יאָסלען פיר פאַרטאָג,
און האָט פאַר אים אַזאַ גרויסן באַטייט,
וואָס ער האָט זיין ברודער נעבעך פאַרשעמט פאַר אַלע נאָבעלע
לייט!

הערמאַן גאָלדן

האַלאָ!

האַ־דו־יו־דו?
סאָלאָנג!

עס שפּאַרט אַף אונדז זיך די עלטער
פון טויזנטער פאַרבאָרגענע שפּאַרונעס,
ס׳איז אונדזער כיידער אַן אָנגעשטעלטער
מיט אָנצאָליקע גרייטע טרונעס.

נישט אַף ניסים וואַרטן מיר,
וואָס זאָלן זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקן;
נישט אַ עמיצער וועט דורך האַלב געעפענטער טיר
צו אונדז אַ בעטלערשע האַנט אויסשטרעקן.

עס איז ביזביין שוין אויסגעברענט
אַזאַ בייזער גורל אַף אונדזערע פאָעטן ברידער;
ס׳גיסט זיך ווי וואַסער דורך די הענט
אַזעלכע הילפלאָזע, שיטערע לידער!

יאָ, ס׳איז באַ אונדז אומעטיק און שווער,
אַלע הענגען אַפן הינטן פון אַ צוגעפּוצטער פור.
ס׳ליגט שוין אַ פאַרטריקנטע די לעצטע טרער
אַפן לעצטן זייטל פון אונדזער אויסגעקאַלופּעטער ליטעראַטור.

ווי איבערגעזעגטע האַלץ, ליגן מיר פאַרדרייט —
מיט אַ שווערן פאַרזשאַווערטן דראָט;
נישט צו נעמען — נישט צו געבן זיינען מיר גרייט
אין לעצטער געסיסע ליגט אונדזער בלוט־לאָזער גאָט!

אָפּגעקראָכענע ווערטער שלעפּן זיך אונדז נאָך,
ווי באַ אַ הינטל דאָס שטיקל נישט דערהאַקטער עק.
עס זויערט אין אונדז אַן אייביקע וואָך,
מיר שלעפּן זיך אויסגעלאָשענע צו אַ נישט־געזעענעם ברעג.

נישט קלעזמער שפּילן, מ׳טיילט נישט בראַנפן און טאָרט,
נישט מיט צווינטשונגען ברעכן מיר טעלער.
אַ טייל פון אונדז פּרעסן אָפּ דאָס פלייש פון אידיש וואָרט,
אַ טייל זיינען געוואָרן פאַרטריקנטע לערער.

עס האָט נאָך קיינער קיין טיש נישט געגרייט,
נישט עמיצער וויל עפּעס פון אונדז מאָנען.
מיר אַליין האָבן אָנגעטאָן אַ פאַרשימלט יאָנטעוו קלייד,
פאַר אַ כאַסענע וואו מיר זיינען נישט קיין מאַכוטאָנים.

— — — — — — — — — — — — —

אַלע מאָרגנס ליגן דערוואָרגן —
עס שטייט אַ גרייטער אַ טויטן־וואָגן.
נאָר דער לעצטער מאָהיקאַנער טרינקט יעדן פרימאָרגן
הייסע וואַסער פאַר זיין געזיקן מאָגן.

איז אַדיע־אַדיע און וויוואַט —
מיין האַרציקע אידישע ליטעראַטור;
עס פאַלט שוין אַ לעצטע בלאַט
אַף אונדזער לעצטער גראָער האָר!

אַז דאָס וועט געשען

אַז כ׳וועל די פיס מיינע אויסציען,
און וועל ווי אַ סטרונע —
אַף אַן אָנגעצויגענער פידל — בלייבן ליגן;
וועלן באַלד קומען צעפליען
אַ סטאַדע מיט פליגן
אַרום מיין טרונע,
וואָס וועט מיסטאָמע אינמיטן שטוב שטיין
און אין הויף וועלן קעץ זיך צעוויינען מיט גרויס געוויין.
און די פליגן מיט זייער זשו
וועלן שוין אויך דערציילן פון דער קו,
וואָס שטייט אַליין איצט אין פעלד,
און מוקעט יאָמערדיק נאָך איר העלד,
וואָס איז שוין מער נישטאָ;
ווייל ווער וועט צו איר קומען פינקטלעך צו דער שאָ,
יעדן צוויי מאָל אין וואָך,
און איר געבן עסן שטרוי מיט מאָך,
ווער נאָך וועט דערפילן איר גרויסן בראָך?
וויי, וויי!

צוויי זיינען דיי געווען

ס׳איז זיכער ווי גאָלד, אַז צוויי זיינען זיי געווען
יענע באַרימטע נאַכט, ווען כ׳האָב זיי דערזען,
באַ מיר אין שטוב, וואו איך בין שיווע געזעסן
נאָך די גאָלדענע טעג, וואָס כ׳האָב פון לאַנג שוין פאַרגעסן.

איר מיינט, אַז ס׳איז געווען טעג גלאַט אַזוי,
האָט איר אַ טאָעס: כ׳בענק ביז היינט נאָכן ביסל שטרוי,
וואָס כ׳פלעג קריגן פונקט אַלע פאַרנאַכט
איידער די זון האָט די אויגן פאַרמאַכט.

אַזוי וואָלט זיך עס געצויגן, ווער ווייסט ווי לאַנג,
ווען נישט אָט די וויסטע בייזע שלאַנג —
וואָס רופט זיך ווייב — וואָלט נישט יעדן פאַרנאַכט
באַ מיר ס׳ביסל שטרוי צוגעכאַפּט.

און וויפל איך פלעג איר ניט בעטן מיט טרערן,
גאַזלען דו! אין אַ וועלט אַ גאַנצער קאָן מען דאָך ניט הערן!
אַז אַזוינס און אַזעלכס זאָל געשען,
אָט דאָס וואָס כ׳האָב מיט אייגענע אויגן געזען.

ווי דו גאַנוועסט באַ מיר צו ס׳ביסל שטרוי,
וואָס כ׳קויף זיך איין פאַר פענעלעך צוויי.
פלעגן די אויגן באַ איר ווערן, מיט ראַכמאָנעס פאַרגאָסן.
איז טאַקע דעמאָלט האָב איך עס באַשלאָסן:

אַז כ׳זאָל זיך שיווע זעצן נאָך די טייערע טעג,
און לאָזן אַ טרער נאָך מיין איינציק פאַרמעג —
ס׳גוטע ביסל געשמאַקע שטרוי,
ווייל מיסטאָמע ז׳מיר באַשערט אַזוי.

האָבן די צוויי ווייזט אויס אַף דעם געוואָרט,
ווייל אַף גאָלדענע טעצעלעך האָבן זיי מיר טרייסט געבראַכט,
און איינער פון זיי האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן:
אַז נאָר זיי קאָנען עס מיר ראַכמאָנעס איינטיילן.

איז אַזוי ווי ס׳קאָסט זיי טייער אַליין,
זיינען זיי עס געקומען מיר געבן צו פאַרשטיין:
אַז כאָטש כ׳האָב עס נישט די ווערט,
נאָר מיסטאָמע איז עס שוין פון גאָט באַשערט,

אַז כ׳זאָל ס׳ביסל ראַכמאָנעס קריגן,
כאָטש נעכטן האָב איך דעם הונגער אין פּאָנים געשפּיגן,
וואָס דאָס אַליין איז אַ גרויסע זינד
מיט וואָס גאָט שטראָפט נאָר היינט.

איז ווי זיי האָבן נאָר דערהערט
אַז אָן ראַכמאָנעס, ז׳מיר טאַקע גאָר שלעכט!
און גאָט ווייסט, וואָס ס׳קאָן נאָך פון דעם ווערן,
ווען כ׳וועל פון ביסל שטרוי אָנהויבן קלערן?

נאָר מ׳טאָר דאָך נישט דערלאָזן אַזאַ געדאַנק,
ווייל שפּעטער וועט געוויס זיי טאָן באַנג:
פאַרוואָס כ׳האָב נאָך דאָס שטרוי זיך פאַרבענקט
איידער זיי האָבן ס׳ביסל ראַכמאָנעס מיר געשענקט.

ז׳ווי זיי האָבן זיך אַזוי צערעדט,
האָב איך זיך דערוויילע מיט אַ פליג פאַרוועט:
אַז אַפּילע כ׳דריי איר דעם קאָפּ אַראָפּ,
קומט מיר פאַר דעם נישט קיין שטראָף.

ז׳ווי כ׳האָב נאָר די פליג אומגעבראַכט,
האָב איך אַ שטיקל לעוואָנע צו זיך פאַרנאַרט,
מיט אַ לעק ראַכמאָנעס זיך באַצירט
און מיט זיך אַליין אַ ליבע פאַרפירט.

גאָט ווייסט וואָס ס׳וואָלט נאָך געשען
יענעם באַנאַכט, ווען זיי זיינען באַ מיר געווען.
כ׳וואָלט עפשער נאָך זאַכן געטאָן,
און ס׳וואָלט אַפילע נישט געקרייט קיין האָן.

ווי זיי האָבן זיך נאָר פאַרקוקט,
האָב איך ס׳גאַנצע ביסל ראַכמאָנעס פאַרצוקט;
זיינען זיי נעבעך אַוועק די ברידערלעך צוויי
און איך זיץ נאָך אַליין — און בענק נאָכן זיסענקן שטרוי!

דעם מאָרגן אַנטקעגן

דעם מאָרגן אַנטקעגן

(לעונינס אָנדענקונג)

1

הורבעס טאַנץ צעצינדט
מיט געפלי פון צעוויגטע גלאָקן.
נישט מיר טרויערן אַצינד,
נישט דער וועג האָט אונדז דערשראָקן.

אויסגעשפרייטער ברען אין די געזאַנגען
אַף אַלע שליאַכן צעשאָטן.
ס׳זאַפטיקט אונדזער פעלד מיט צעפּאַשעטע זאַנגען,
ס׳איז דער פּאַרזיי אונדז געראָטן.

הענט אין הענט פאַרוועבט,
מיט פיס צעלעכערט די אַנטלאָפענע ווייטן;
מיר האָבן אַליין געוועבט
דעם גרעסטן נעס פון אַלע צייטן.

עס האָט אַ פאָלק זיך דערלויכטיקט
פון פאַרפייניקטן געשריי,
און אַ וועלט האָט אירע האָפענונגען —
באַהעפט — מיט פאַרגליווערטן גוף אין אַ מאַוזאָליי.

2

כ׳רייס פון זיך אַראָפּ אַלע קליידער,
זאָל פראָסטיקער טאָג זען
מיין נאַקעטן טאַנץ;

ס׳האָט זיך די זון היינט
באַפאַרבט מיט רויטער פרייד,
ס׳האָט דער היינט מיר געפלאָכטן אַ קראַנץ.

אָ, פאַלק דו מיינס, פון רויכיקע געביידן
סערפּ און האַמער לויכטיקט שוין
אַף אַלע וועגן ;
אָ, פאַלק דו מיינס, פון בלוטיקן געראַנגל,
ס׳האָט שוין אויפגעגליט אַ פייערדיקער רעגן.

וואָס איז צייט פאַר אונדז,
און צו וואָס זאָלן מיר פרעגן ;
צו וואָס זיך כעשבענען מיטן היינט,
אַז דער מאָרגן טאַנצט אַנטקעגן.

אָ, קאַמף געהייליקטער מיינער,
איז דאָס מיין לעבן וואָס איך דאַרף דיר געבן ?
איז אַ שאָד , דו זוניקער אויפגיין,
וואָס איך האָב נישט מער ווי איין לעבן !

3

זאָלן ווינטן זיך וואָרעמען
אַף הייסער לייב ;
זאָל פייער באַקליידן די גלידער,
האַלדז אַף האַלדז — דו בעטלער און זוינע ווייב —
מיר זיינען היינט שוועסטער און ברידער.

פאַרוואָרפן איז די מוירע,
אויסגעגאַנגען איז דער לעצטער ציטער.
אָ, גוטינקע ברידער מיינע,
ס׳אַראַ פרייד עס באַלעבט די געמיטער!

לענין איז טויט.
ס׳איז נישט עמעס!
דאָס האָבן די סאָנים פאַרשפּרייט
לענין איז טויט.
ס׳איז נישט עמעס!
ס׳שפּייזט אונדז נאָך איצט זיינע רייד!

לענין לעבט אין אונדזערע בלוטן,
ער לויכטיקט פון אונדזערע ווענט;
מיר טראָגן נאָך זיין לעבן אַן אָנגעגלוטן
אַף אונדזערע אייגענע הענט.

לענין איז טויט.
ס׳איז נישט עמעס!
ס׳האָט אים אַפילע נישט פאַרצוקט קיין שלאָף!
לענין איז טויט.
ס׳איז נישט עמעס!
דאָס דערפירט ער אונדזער קאַמף ביזן סאָף!

צום ליכטיקן אָנהויב

כ׳בין איצט אַן אײדעס פון ליכטיקן אָנקום ;
מײן האַרבאַטער צאַר גויסעסט באַ מײן שװעל.
טעג צעלעכערטע פאַרשװינדן שטום ;
זוניקע פרימאָרגנס האָבן צעבליט זיך העל.

מײן לעצט ביסל געװײן װיאַנעט שוין אין שימעל ;
צעטראָטענע יאָרן ברענגען אַלײן זיך אום.
איבער מיר פרײדיקט אַזאַ בלאָנדער הימל ;
איבער מיר װאַשט זיך אַזאַ יונגע זון !

עס טרעפט אַמאָל, אַז טראַכטונגען נעמען זיך אױפריגלען,
מישן אויף פאַר מיר, מײן קרומען פאַנים פון אַמאָל.
דעמאָלט שטעל איך זיך אַװעק לעם מיליאָנען שפּיגלען
און איך דערזע מײן גוף אַ באַװאָקסענעם מיט שטאָל.

און זיכערער װערט אין מיר מײן גלויבן —
אַז פאַרשװאונדן זײנען שוין יענע אָפּגעבריטע טעג,
װען איך האָב זיך געגראַבלט דורך בלינדע שויבן
און געבלאָנדזשעט טעמפּ אַף אַ קראַנקען װעג.

אין מײן לויטערקײט הויבט אָן מיך צו פאַרדריסן,
פאַרװאָס ס׳האָט מײן הילפלאָזיקײט מיך אױסגענוצט ;
און מיט די יאָרן װאָס כ׳האָב אָפּגעריסן,
האָב איך נאַקעטע נישטיקײט באַפּוצט !

אין דערשלאָגענע נעכט, טרעפט אַמאָל אַזוי װי דורך אַ טויער,
באַװײזט זיך פעטער עלנט באַ מײן טיר !
און אַרום מיר רײסט מיט גרילץ מײן טרויער,
װי עס רײסט פון בלוטן אַ געשװיר.

נאָר איך פאַרשטיי אַז ס׳וועט נאָך טרעפן
אָנפאַלן אַזעלכע אָן אַ צאָל,
ווען טרויער וועט מיך צו זיך שלעפן
מיט זומפּיקן רוף און צעפּוילטן קאָל!

נאָר ווייסן ווייס איך אויך, אַז ס׳ליגט שוין אויסגעלאָשן
דער ווילן צו פאָלגן זומפּיקן רוף;
שוין לאַנג אַז ס׳האָט זיך פון הילפלאָזיקייט אויסגעגאָסן
האַרטער שטאָל אַף מיין געזונטן גוף.

פון לאַנג שוין אַז כ׳האָב אויסגעמיטן
מיין נאָנטקייט מיט יענע שלומפּערדיקע טעג,
ווען איך האָב אַף רוקנס פון צעבויגענע ווינטן געריטן
און געבלאָנדזשעט טעמפּ אַף אַ קראַנקען וועג.

ווען איך האָב אין ווילדע שאָען געקרוינט
יעדן פאַרקרימטן אָפּגעקראָכענעם קאָשמאַר!
און האָב אַף שויס פון אַ געליבטער געוויינט
און גרויע פוסטקייטן געשפּייזט מיט מיין צאַר!

איצטער טאַנצט אַ צעפלאַמטער מיר אַנטקעגן
מיט מיליאָנען פריידן דער צעצונדענער מאָרגן.
איבער מיר, מיט שטורעם, אַזאַ פייערדיקער רעגן,
באַ מיין שוועל — דער נעכטן ליגט דערוואָרגן.

פאַרפייניקטן קלאָג האָב איך געלאָזט הענגען;
אין אויסגעשמידטן קאַמף לויטער איך מיינע לידער;
אַף הענט צעמאָזאָליעטע וועל איך אַ גרייטער ברענגען —
פלאַמיקן וואָרט, ס׳וואַרטן אַף אים שוין ברידער.

גרייטן ברידער שאַרפן צאָרן און וואַרטן
אין אַ ווינקל שימלט ס׳לעצטע ביסל שטויב;
אַהער, אַהער, ס׳פּלייצן אויס שוין שלאַכטן,
איבער וועלט צינדט זיך — ליכטיקער אָנהויב!

איבער אַלץ

1

איבער אַלע טויערן,
איבער אַלעמענס געוויין —
ליכטיקער מוט,
פייערדיקער ווילן!
וועגן צעקרימטע האָבן זיך הענט געגעבן,
און זייערע גופים געגרייט
באַגעגענען דעם קלאָרן טראָט
פון אָנגעלאָדענער פרייד.
ווינטן האָבן פון קייטן זיך אָפּגעשמידט
און מיט אָרעמס צעשפּרייטע געוואָרט
אויפצוכאַפּן דעם מיליאָנענדיקן גיזאַנג.
און פון אַלע וועגן
האָבן מענטשן אין אייזערנע ווענט זיך אויפגעגאָסן.
ס'איז נישטאָ קיין דאָרטן,
ס'איז נישטאָ קיין דאָ.
איבער אַלע סאָפּן,
איבער אַלע צווייפלען
גרייטער ציל צעיאָגט!

2

ליד פאַרשעמטע מיינע,
אויפגעצויגענע פון נאַכטיקן טרויער.
אין געבויגנקייט בלייכן זיך די ווערטער
אַנטקעגן דער צענויפגעשמאָלצענער גרייטקייט,
וואָס מיינע ברידער פורעמען איצטער אויס.
געלייטערטע ברידער מיינע!

כ׳קאָן דאָך מיין ליד נישט פאַרמעסטן
מיט אייער דערהויבענער אַנטשלאָסנקייט!
פאַריאָסעמט שלעפּ איך זיך מיט דעם
איבער נאַכטיקן שלומפּער,
און פון מויזיקע ווינקלען
קוויטשעט אַרויס מיין בלעכענע נישטיקייט!
דוירעס גאַנצע מיט אָנגעזאַמלטע קונסטן
זיינען דאָך אויסגעשניצטע שפּילכלעך
אַנטקעגן אייער באַזיכערטן גלויבן.
דוירעס ביכער ווייקן זיך פאַרלאָזן
אַנטקעגן אייער באַשאַף פון וועלטן נייע!
איבער אַלע צייטן,
איבער אַלע טואונגען,
לויכטיקט אויף אייער ליד
פאַר אַלע דוירעס!

גרוסן

די סאָוועטישע פּאָעטן

1

גוט איז דאָרטן אייך, באַפרישטע, נאָנטע מײַנע!
ווי גאָלדיק איר רעדט
מיט צעעפנטער ברייטקייט
פון פעלדער ראַכוועסדיקע;
ווי זאַפטיק איר זינגט דאָרטן
פון לויטערע טעג צעוויגטע,
איבער אייטערדיקע זאַנגען אויפגעגאַנגענע.
איר טרינקט דאָך געוויס דאָרטן
גאַנצע טייכן זוניקן פרייד
פון צעטאַנצטע קוואַלן אויפגעריסן.
איך ווייס דאָך אַפילו נישט
ווי ס׳גלאַנצט דער פּאָנים
פון צעלויכטע גאָלדיקע קוואַלן.
איבער צעקרימטע גאַסן
ווייטיקט אויף די צעפרעסענע בענקשאַפט
וועלכע כ׳האָב שוין לאַנג
לעם די ווענט פון מויערן,
ווי אַן איבעריקע איבערגעלאָזן,
און אַ פאַרשעמטער דריי איך זיך אַרום,
ווי פאַרשעמט עס איז דאָרטן — די פלאַכע ערד,
פון מײַן טרוקענער שטעטל קריניק,
וועלכע קאָן נישט
אונטער די צעראַיעטע טריט
אירע צעלעכערטע פעלדער צעוואַקסן;
און כאָטש מײַן שטעטל
איז ווי אַן איבעריקע פאַרזען געוואָרן,

כאָטש איר לעבן זומפּיקט נאָך אַלץ
אין בלאָטעס צעווייקט,
טרייסט איך דאָך אירע צעטראָטענע גרוסן
מיטן טאַנץ פון אייערע צעפּלאָקערטע פעלדער;
צערטל איך איר צעבלוטיקטן גוף
מיט אייער אויפגעלעבטער האָפענונג!

2

ניט איך ווייס ווי אַזוי געזאַנגען
קייקלען זיך,
אַף זאַפטיק אָנגעפּילטער ערד,
און נישט איך האָב געזען
ווי אַ ברוינע זון,
קאָן זיך מיט פריידיק-ברוינע לייבער שפּילן,
ווייל די ערד, וואָס טראָגט מיינע פיס,
האָט זיך מיט מעש באַפּאַנצערט,
און יעדער גלויבן, וואָס בייסט זיך אַדורך,
ווערט פון גאָלד אויפגעפרעסן.
פאַרברודערט וויקלט זיך
זאָרג מיט הילפלאָזיקייט
אַף דער מוירע פון מאָרגנדיקן טאָג!
און ניט אויסכאָוועו קאָן זיך דאָ אַ גלויבן,
וואָס זאָל איבערן גאָלד-קלאַנג זיך אויפהויבן,
און נישט קיין זיכערקייט באַפעסטיקט — אַלע טוואונגען,
ווייל דערוואָרגענע ליגט מען
באַם שוועל פון וואָל-סטריט.

3

מ׳זאָגט, אַז איר האָט
פעלדער צעבליטע פאַרזייט
פון אַלע אויסגעטריקנטע זומפּן.
מ׳זאָגט, אַז מיט זודיקן אימפּעט
וואַקסט איבער כורוועס
אַ נייער לעבן אויף.
איז, זאָגט מיר, כ׳בעט אייך!
ווי אַזוי זעען זוניקע טעג אויס?
און ווי קאָן מען מיט צאַרטער פרייד,
פון דער אייגענער אַרבעט,
אַ ליבע אויסזינגען?
מיר טראָגן דאָך אַזאַ גיפטיקע קלאָלע
צו יעדן טאָג, וואָס די אַרבעט פרעסט באַ אונדז אויף.
מיר האָדעווען דאָך אַזאַ שאַרפע סינע,
צו די, וואָס פוצן זיך מיט אונדזער פראַצע אויס.
מיט בלאָטיקן טומל,
פאַרשרייט מען די שווערקייט
פון צוגערייטן מאָרגן,
און מיט אויסגעגלאָצטער מוירע
ציטערט מען איבער יעדער
אויסגעריסענער מינוט!

ס'איז גוט אַזוי

ס'איז גוט אַזוי, ווען מ'קאָן דערפילן
ווי זאַפטיק עס וואַקסט אויף דיין וואָרט,
און ווי מענטשן קנעטן אויס פון אים צילן —
וואָס ווערט פאַר זיי, ווי זונען, אויסגעקלאָרט.

און ס'ווערט דיין שטומקייט אויפגעבונדן
און דו טראָגסט אַרויס פאַר דער וועלט דיין פרייד.
אָ, ווי גוט עס איז, אַז ס'ווערן אָנגעצונדן
פאַרלאָשענע געמיטער פון דיינע רייד!

איז וואָס־זשע זאָלן טאָן פּאָעטן
וואָס געבוירן אין שרעק זייער וואָרט?
און האָדעווען זיך אַף געבעטן
פון אַ לאַנג פאַרלאָזטן מייסים־אָרט.

ווי פאַרשעמט עס ווערן לידער
וואָס וויינען פון אַ פרעמדער וועלט,
ווען פון אַלע ווינקלען קומען ברידער —
גרייטע, און מיט פרייד באַהעלט!

און זיי טראָגן דיר אַנטקעגן
אַן אויסגעפּוצטן גלויבן אַף צעבלוטיקטע הענט.
אָ, ווי עס וויינט דעמאָלט פון פאַרלאָזטע וועגן
דיין אויסגעבענקטע ליד וואָס דו האָסט פאַרשעמט!

איז מיט וועמען וועסטו זיך טיילן
אין שווערע שאָען פון האַס?
ווען אייגענע לידער וועלן דיר דערציילן:
ווי דו האָסט פון זיי געשפּאַסט!

איז וואָס וועלן ברידער דעמאָלט זאָגן,
ווען זיי וועלן צעצינדן די וועלט;
אַז דו וועסט נאָך אַלץ באַקלאָגן
דעם שוועל פון דיין איינזאַם־געצעלט?

און רופן וועלן לידער מוטיקע
און אין גרייטקייט וועט האַמערן דער טראָט.
נאָר לידער דיינע בלוטיקע —
וועלן ליגן דערוואָרגן פון שפּאָט!

אָ, ווי גוט עס איז אַז מ׳קאָן דערפילן
ווי אַף פעלדער צעבליט זיך דיין וואָרט!
און ווי עס וואַקסט אַרויס אַ גרייטער ווילן
וואָס די ברידער האָבן דוירעס געשפּאָרט!

צו אַ מיידל

1

כ׳האָב אַלע לאַסטן שוין פֿאַרוואָרפֿן
און מיט מיין שווערער פֿרייד זיך צעקושט;
אָ, צאַר מיינער, פֿון בייזן זשאַווער צעשטאָכן —
זאָג מיר: ווי אַזוי האָב איך פֿון אַזאַ פֿרייד זיך דערוואוסט?

יאָרן האָפֿענונגען האָב איך צעטראָטן
וואָס זיינען געלעגן רייפֿע באַ מיין טיר;
אָ, געליבטע מיינע; דו אין מיין פֿרייד געראָטן,
כ׳האָב אַלע האָפֿענונגען צוגעבראַכט צו דיר!

צוגעבראַכט צו דיר, און אַליין זיך פֿאַרבאַהאַלטן
פֿאַר מוירע, מ׳זאָל זיך פֿון מיין גליק נישט דערוויסן.
אָ, ווי, אַז נאָך ניט אַלע צעקרימטע געשטאַלטן
האָב איך פֿון מיינע טאָונגען אַרויסגעריסן!

2

לאָמיר טראָגן אונדזער פֿרייד
מיט זינגענדיקן טאַנץ,
צו אַלע ברידער וואָס ליגן
מיט צאַר פֿאַרגליווערט.
עס וואַרט מיט געוויין — ערד פֿאַרשטומטע
אַף זומער־רעגן,
און מיט הענט צעפּלאָמטע
צינדן מיר דאָך אונטער פּראָסטיקע טעג.
מיר האָבן זאָרג
אַף פֿאַרלאָזטע וועגן פֿאַרוואָרפֿן,
און מיט אויפֿגעברענטן אָטעם,
האָבן מיר פֿון קופּערנעם אונטערגאַנג
אַ וועג — צו אויסלייז אויסגעפּלאָסטערט!

3

ווי נאַנט ס'איז מיר דיין נאָמען;
ווי פעלדער זאַפטיקע
פאַר דאָרף־מענטשן.
ווי ליב עס איז מיר, דיינע פאַרמאַטערטע שאָען,
וואָס דו ברענגסט צו מיר שווערע פון פאַבריק.
איז ווי אַזוי־זשע שוועסטער מיינע:
קאָן איך עס דיין נאָמען
וואָס מאַשינען קאָנען נישט איינשלינגען;
אַף מיין נישטיק לייב אויסברענען,
און ווי אַן אָנזאָג
צו אַלע מיינע ברידער טראָגן?

שוועסטער מיינע, פון שלאָף אַויפגעפרעסן!
ווי שווער עס ווערט מיר,
ווען איך טראַכט פון די אַלע טעג,
וואָס מאַשינען פאַרצוקן בא דיר!
ווי זשאַווערדיק עס לאַסטיקט אַף מיר,
דיינע מיידלשע יאָרן,
וואָס פאַבריקן נאָרן פון דיר אויס!

4

טאָג איז שוין גרייט
און מיר פאַרשלונגענע
וואַרטן אַף רוף:
פאָרויס אַף בלויע פערד
מיט צעשפּילטן אָטעם
דיינע צעטראָטענע מיידלשע יאָרן

מיט אָנגעצונדענעם האַס,
און אַף ברוינער זון אויפגעהאַנגען,
שפּילט אונדז אַנטקעגן
אַ צעפּרייטע אונדזער האָפענונג,
און מיר, מיט ליכטיקן גלויבן,
טראָגן אַנזאָג —
צו אַלע וועלטן!

5

הערסטו, שוועסטער,
ווי דער שלאָף פּאַשעט זיך
אַף די מידע גופים
פון אונדזער פאָלק!
זעסטו, שוועסטער,
ווי צעטראָטן עס ראַנגלען זיך
אין די פרימאָרגן־שאָען
שוועסטער דיינע.
ברענג זיי אַנטקעגן
אונדזער בלוטיקן עמעס,
וואָס מיר טראָגן דעם פאָלק!
און זאָג זיי:
אַז זון אונדזערע
האָט שוין באַלד אַלע זשאַווערן צעשמאָלצן!
הערסטו, שוועסטער,
דאָס קום איך דיר אַנטקעגן
מיט צעפלאַמטן טאַנץ — און מוזיק.
העי, העי, געזאַנג אַף אַלע וועגן,
דאָס איז אונדזער גליק!

דעמאָנסטראַנטן

ווי פרימאָרגן האָט נאָר פון שלאָף זיך אויפגעריסן
און צעשויבערט קאָפּ אַרויסגעשטעקט.
האָבן ברידער אין אייזערנע ווענט זיך גענומען שליסן
און פאַרגענעצטע גאַסן מיט פרייד באַלעבט.

היינט איז טאָג, ווען גרייטער גלויבן
וועט פירן ברידער איבער גאַסן פון וועלט.
האָבן זיך פון האַלב־פאַרשלאָפענע שויבן
נאָך נישט־דערקענטע ברידער — אין פאַרוואונדערונג צעשטעלט.

וואָס־זשע וואונדערט איר זיך, ברידער?
עס האָט ליכטיקער גלויבן אונדז אַף גאַסן געבראַכט;
איז לאָזט אין פאַרשעמטקייט די הייזער איבער,
ס'איז היינט אַ טאָג אַזאַ — פון ברידערלעכער מאַכט.

נישט שיין איז צו בלייבן פאַרשלאָסן
ווען מיליאָנען האָבן אַלע מוירעס דערשטיקט.
היינט איז אַ טאָג — ווען צאָרן האָט זיך אַרויסגעגאָסן
און גלויביקער רוף, איז איבער לענדער צעשיקט!

עמעס איז, אַז דער סוינע וואַרט
פון טויזנטער ערטער מיט קאַסאָקן טויט.
אונדזערע האָבן זיי אָבער שטענדיק אָפּגענאַרט,
נאָך מיליאָנען זיינען געקומען גרייט.

איז וואָס־זשע אַרט אונדז דעם סוינעס צאָרן;
דאָס ציילט ער אין שרעק זיינע לעצטע טעג!
אונדז האָט אַ ליכטיקער גלויבן געבאָרן,
אונדז קאָן נישט פאַרשרעקן פוילער שרעק!

לענדער זיינען איינס געוואָרן,
און אַלע ווייטקייטן זיינען אַנטרונען.
דאָס טראָגן ברידער אַ ציל אַ קלאָרן
פון דוירעסדיקער פּראַצע אויסגעשפּונען.

אָפּגעווישט זיינען געוואָרן יאָמען
און אַלע ברידער האָבן זיך הענט געגעבן.
ס׳ברענגט איין האָפענונג אונדז צוזאַמען.
און מיליאָנען מענטשן שמידט אויף איין לעבן!

מעג דער סוינע זיך נאָך גרייטן
און מיט לעצטן גויסעס אַף אונדז זיך וואַרפן.
מיר גייען זיכער קעגן אַלע טויטן,
פרישע מאַכנעס איז וואָס מיר באַדאַרפן.

איז וואָס־זשע וואונדערט איר זיך, ברידער?
טאָג האָט שוין ריזיקע הענט, איבער אונדז אויסגעשפּרייט;
איז פאַרלאָזט אין פאַרשעמטקייט אייערע באַווייַנטע שטיבער.
ס׳זיינען שוין איבער גאַסן פון וועלט־ברידער גרייט!

בלויער רייטער

(מאַני לייבן)

בלויער רייטער פון ווייטן לאַנד!
זילבער הימל האָסטו געבראַכט,
האָבן מיר אַף אַלע וועגן
פאַר דיין אָנקומען געוואַרט.

עס זעטיקט טוי שוין אָן דאָס גראָז
אויך אין אונדזער גרויען לאַנד,
עס וואַרטן שוין אָנגעגרייט פאַר מי,
אונדזערע דאָרשטיק־מידע הענט.

אונדזערע דאָרשטיק־מידע הענט,
נאָך וועלכע פעלדער האָבן געבענקט;
האָבן מיר אַ פרעמדן לאַנד
זייער פראַצע אַוועקגעשענקט.

זיינען הענט געוואָרן מיד,
און די פעלדער נישט פאַרזייט!
ביז דיינע רייטער־טריט
האָבן אונדזער פאָלק דערפרייט!

און אין אימפעט האָבן הענט
זיך אין גרייטקייט פאַרוועבט,
און עס האָבן ווידער פעלדער
מיט געזאַנגען אויפגעלעבט.

טאַנצט און יואוולט איצט דאָס פאָלק
אויסגעפוצט אין יאָנטעוו־קלייד,
און צעפלאַמטע, פריידיקע פאָנען
האָט מען פאַר דיין קומען צוגעגרייט.

און פון די שענסטע, שטאַרקסטע יונגען
האָט מען שעלוכים אָוועקגעשיקט,
אויסצורופן צווישן אַלע פעלקער:
בלויער רייטער ברענגט אונדז גליק!

בלויער רייטער, העלדן־זון!
עס האָט אין טאַנץ דאָס פאָלק פאַרוועבט.
דוירעס פאַרשטילטע געזאַנגען
וואָס דיין קומען האָט אויפגעלעבט.

און עס ליגן שוין די סאָנים
לאַנג דערוואָרגן פון זייער שפּאָט;
בלויער רייטער, בלויער רייטער,
קום מיט אונדז אין קאַראַהאָד!

זיי לעבן

נישט צוליב אייער זיכערער מאַכט
האָט איר זיי דערמאָרדעט,
נאָר צוליב אייער שרעק פאַר אונדז!
— — — — — — — — — — — —

נישט פאַרברענט,
נאָר אויפגעברענט נאָך שאַרפער אונדזער גלויבן!
מערדער וויסטע!
מיר האָבן אייך אָפּגענאַרט!
עלעקטרישער שטראָם
האָט אונדזערע רייען
נישט שיטער געמאַכט;
טויזנטער האָבן גרייטער די ערטער פאַרנומען,
און מיליאָנען ווילנס בויערן מיט זייער צאָרן
אייערע גין־גאָלדענע פּאַלאַצן!
איר האָט נאָר אונדזער אָפּרעכענונג
נענטער געמאַכט!
נישט טויט איז סאַקאָ־וואַנזעטי!
מיר האָבן זיי באַפרייט
פון אייערע קאַזעמעטן
און טראָגן זיי אויפגעלויכטענע אין אונדז!
נישט מיט טרויער האָט איר אונדז געקאָנט שלאָגן;
גרייטער קאַמף איז אויסגעשמידטער געוואָרן!

מערדער צילענדערדיקע!
מיר האָבן אייך אָפּגענאַרט!
איר קאָנט אונדזער
אייזערנעם גאַנג נישט אָפּשטעלן!
אייערע מאַשינען
צעקייען אונדז!

אייערע שטעט
צעפרעסן אונדז!
קאַנאָנען האַלט איר גרייט פאַר אונדז,
און צאַמען קאָנט איר נישט
אייער שרעק פאַר אונדזער אָנקום!
ווי אַ נישטיקער זייפן־בלאָז
זיינען אייערע עלעקטרישע שטראָמען
אַנטקעגן דעם גרויסן קויעך,
וואָס זאַמלט זיך
פאַר אייער איבערגעשמאָלצענער הערשאַפט.
אונדזער בלומענדיקער קראַנץ
ווערט גרעסער און ליכטנדיקער
דאָ אין וואָל־סטריט לאַנד!

מערדער, אין זייד איינגעוויקלטע!
מיר האָבן אייך אָפּגענאַרט!
אונדזעריקע האָבן די קעפּ נישט געבויגן
פאַר אייער געדונגענער מאַכט!
איר מיינט אַז איר האָט געטויט —
אָבער דאָס איז נישט טויט,
ס'איז טויזנט דוירעסדיקער לעבן!
לעבן אייערע בעטן
וואַרט שוין אָנגעגרייט
אייער אונטערגאַנג!
איר האָט אונדזער וועג
נישט געקענט פאַרצאַמען,
איר האָט אונדזער גרייטקייט
נישט געקאָנט פאַרשרעקן.
באַ אונדז — שטאָלצע קעמפער,

באַ אייך — געלער שרעק.
אונדזער קאַמף ווערט נישט אָפּגעשטעלט!
היימאַרקעט,
פריינק ליטל,
דזשאָ היל,
סענטראַליע,
טאָם מוני,
וואָרן בילינגס,
לעווענוואורט פּענטענשערי,
סאַקאָ־וואַנזעטי,
און שאַרפער ווערט דער האַס
און פריידיקער יאַרשענען אים קעמפער!

מערדער, מיט בראַכע פון אייערע ווייסע הענט —
מיר האָבן אייך אָפּגענאַרט!
נישט קיין קלאָלע טראָגן מיר צו אייך,
נאָר געפּאַנצערטע פויסטן;
נישט פון ווינקלען וועלן מיר פאַרשעלטן אייך,
נאָר דערנענטערט ווערט אונדזער מיליאָנעדיקער טראָט.
איר האָט סאַקאָן געטויט,
און געשיכטע וועט איידעס זיין,
אַז סאַקאָס זון וועט זיין אייער געשפּענסט!

מיר האָבן אייך אָפּגענאַרט!
מעג נאָך אייער געלעכטער
וואַקסן אין צעפּאַשעטע גופים,
סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען נישט טויט!
מיר לעבן נאָך!
און אויסגעברייטער ווערט אונדזער קאַמף.

און געשמידטער ווערן אונדזערע ווילנס.
סאַקאָ־וואַנזעטי
זיינען נישט טויט,
ס׳לעבן סאַקאָ־וואַנזעטי!
מערדער, מיר האָבן אייך אָפּגענאַרט!

דינסטיק, אויגוסט 23טן, 1927, נויאָרק.

אין אַלע וואַסערן

מ׳זאָגט, אַז די וואָלגע איז זייער שיין;
מ׳זאָגט אויך, אַז אַלע טייכן גיסן זיך אין יאַם,
בין איך אַוועק צום יאַם־ברעג
און האָב אין אַלע וואַסערן
דיין וואָלגע געזוכט.
ביזן אויפגיין פון דער זון
האָב איך מיט אָנגעצונדענע אויגן געזוכט,
ביז איך האָב אַפן צעגלאַנצטן יאַם־פּאָנעם
דיין צעשטראַלטע וואָלגע דערקענט,
האָב איך עמערס גאַנצע אָנגעשעפּט
מיט ברייטן געזאַנג
און דעם האָדסאָן מיט דער מיסעסיפּי באַלעבט!

דורך פאַרפּלאָנטערונג

1

איך עפן אויף די בלעטער פון מיין לעבן
אין יעדן אָס ליגט געקרייציקט מיינער אַ טאָג,
מיטאַמאָל דערזע איך — טויזנטער פאַרפּלאָנטערטע וועגן
זיי ליגן ווי פייגאָרים באַ יעדן ראָג.

וועגן אַף וועלכע איך בין געגאַנגען
ווי מ׳גייט אַף גומענע טרעפּ;
און אָטעם מיינעם אָנגעטרונקען מיט סאַם פון שלאַנגען
האָב איך געגאָסן אַף צעבליטע קעפּ.

איך האָב לעבן מיינעם איינגעוויגט
ווי אַ קראַנקער וויגט איין דעם ווי פון זיין וואונד.
רומאַטישן צאַר האָב איך אַף וועלט געשיקט,
ווי אַ קרעמער שיקט אַ שעליאַך צו קריגן אַ קונד.

צו זיך אַליין האָב איך געטראַכט:
וואו וועט מיך נאָך פירן מיין שפּאַט?
אַז נישט קיין בלינדער — נאָר מיט אויגן פאַרמאַכט
פּלאָנטער איך צו זומפּן מיין פאַרקרימטן טראָט!

2

הײנט האָב איך זיך אַליין געגעבן אַ גוט־מאָרגן
און געוואָלט באַגריסן דעם יאָסלען פון אַמאָל;
נאָר איבער אַלע ליידיקייטן איז געבליבן דערוואָרגן
אַפילע דער קלאַנג פון מיין הייזעריקן קאָל!

עס איז שווער געוואָרן זיך צו דערקענען
ווי שווער עס ווערט אַ מענטש, וואָס מ׳האָט שוין נישט געזען לאַנג.
איצט הויב איך זיך אַליין אָן צו פאַרשעמען
וואָס עס וויטיקט נאָך אין מיר אַ קראַנקער קלאַנג.

פון זיך האָב איך אַ געטשקע געמאַכט,
צו זיך האָב איך זיך געבוקט;
מיט אויסגעטראַכטע שרעקן, בין איך אַוועק אין שלאַכט
און אויסגעטראַכטע שרעקן, האָבן מיך פאַרצוקט!

אַף קרומע וועגן בין איך געלאָפן
און האָב נישט געוואוסט וואָס איך זוך;
און נישט איינמאָל האָט עס געטראָפן
אַז איך האָב דערפילט אין זיך, ווי פון שיקערע אויסברעכאַרץ דעם גערוך!

3

וועד האָט עס מיר געטראָפן מיט סאַמיקן שפּיז?
צי איז עמעס אַז אומעט וויינט אין מיר אָן אַ פאַרוואָס?
איך גיי אַף וועלט אַרום מיט צעבלוטיקטע פיס,
כאָטש איך גיי נישט באָרוועס אַף צעבראָכענע גלאָז.

אַף שפּיציקע הערנער ווער איך געטראָגן
פון אַ צעפּאַשעטן עלנט וואָס האָט זיך אין מיר פאַרפלאַנצט.
ווי שווער עס ווערט, אַז דאָס איז אַלץ וואָס איך קאָן פאַרמאָגן
אַז דאָס איז אַלץ וואָס איך לאָז ווערן דערגאַנצט!

ווי אַזוי זאָל איך עס אַלץ דערקלערן ?
אַז מיטן סייכל באַנעם איך עס און קאָן פאַרשטיין :
וואָס נישט קיין קעמפער קאָנען ווערן
די וואָס דערטרינקען זיך אין אייגענעם געוויין !

נישט איין מאָל האָב איך זיך געטאָן טרייסטן,
אַז ס׳איז גענוג מיין אָנגעהעריקייט צום אַרבעטער־קלאַס !
אַז מיט זיך מעג איך טראָגן מיין וואָרט אַ פאַרגרייזטן
אַז צו זיך מעג איך האָדעווען אַ האַס.

נאָר מיסטאָמע לעבט די דערמאָנונג אין מיר נאָך,
אַ דערמאָנונג פון וועלכן — איך קאָן נישט ווערן באַפרייט ;
ווי אַזוי איינמאָל אין אַ פאַרדאַרטן סאָף־וואָך
האָט מיין טאַטע, מיט בלוט־שטיקער, דעם דיל פאַרשפּייט !

און אַלע קינדער האָבן מיט אויפגעריסענע אויגן
אַרום טאַטן אַ לאַז געטאָן זיך אין אַ געדריי ;
נאָר איבער אונדזערע קעפּ און אין די בלוטן האָט זיך געצויגן
ווי שווערדן אַ שאַרפער — דער מאַמעס אַ געשריי.

איך וועל עס שוין ווייזט אויס קיינמאָל נישט פאַרגעסן,
אייביק וועט גריזשען אין מיר אָט יענע שרעק !
ווען אַלע קינדער זיינען אין אַ נישט־באַלויכטענער קיך געזעסן
און זיך איינגעהערט, ווי פון טאַטנס האַרץ האָט געכריפּעט —
אַ טעמפּע זעג !

עס האָט מיך, מיין מאַמע, געגומען מיט טרויער אָנזאָגן,
אַז עס איז געקומען די צייט, כ׳קאָן זיך שוין מאַכן גרייט ;
איז נאָך גאָר אַ יונגענקער, האָב איך לאַסט אָנגעהויבן טראָגן
צוזאַמען מיט אומעט אַף זיך אָנגעקליידט !

אומעט צוזאַמען מיט הוסט פון מיין טאַטן,
אַזוי האָב איך פאַבריק דערזען;
עך, נישט געגליטשט האָט זיך מיין לעבן אַף אַ וועג אַ גלאַטן
כאָטש איך בין נאָך קיין צוועלף יאָר נישט אַלט געווען!

עס האָט געוויס פון דעמאָלט זיך מאָדנע באַשטימט
פון מיין מאַמען יענער שאַרפער געשריי;
וואָס עס טרעפט זייער אָפט, אַז מיינע וועגן ווערן פאַרקרימט
און איך דערזע זיך אַרום טאַטן אין אַ שרעקנדיקן געדריי.

נאָר אַף זיכער זיינען דאָך אַף דער וועלט פאַראַנען
אויך אַזעלכע, ווען ס'האָט אָנגערירט,
אַזאַ מין צעריסענער געשריי פון אַ מאַמען
וואָס האָט זייער לעבן אין צער אויסגעצירט.

איך מיט זיי, מיט זעלביקן אומעט געבונדן,
צוזאַמען פון דער זעלביקער סינע אויפגעברויזט;
טראָגן צו אַלע אייביקייטן אָנגעצונדן
דער מאַמעס געשריי, אַף באָרוועסן פויסט!

אינהאַלט:

מײַן טאָכטער ריווע 5

קרומע וועגן

אַף קרומע וועגן 11
כיוואַרט 'אַף דיר 14
לאַסט 15
זומערדיקער אָנהויב 18
אין טעג פאַרבענקטע 19
אַ טפילע 22
די סודע פון מײַן געשאָכטענעם זון 23
בלינדער וועג 27
איך און דו 29
ס'איז טאַקע עמעס 32
דע פּראָפּונדעס 34
ס'איז די טיר פון מײַן שטוב אָפן 39
איך אַליין 40
פון בריוו צו אַ געליבטער 41
איך ווייס 44
אין פאַרוואונדערונג 46
נאַכט איז טויט 48
אויסלייז 49
מיט די ווענט 52
גאַסט דו ווייטער 54
מײַן פאַרשעמט הויז 56
זוניקע טעג 63
מײַן אויסגעבעטלט ברויט 66
סערגיי יעסענין 61
פון צוויי קריטישע נעכט 68

אַט וואָס עס בלייבט מיר צו טאָן

אַט וואָס עס בלייבט מיר צו טאָן 77
דער פּאָעט איז געשטאָרבן 79
אָט אַזאַ ברודער 86
מיין טאַטנס אַ טפילע, פאַר מיר, זיין ערשטן זון 88
נאַכט־געוויין 89
האַרבסט 91
אַז דאָס וועט געשען 93
צוויי זיינען זיי געווען 94

דעם מאָרגן אַנטקעגן

דעם מאָרגן אַנטקעגן 99
צום ליכטיקן אָנהויב 102
איבער אַלץ 105
גרוסן 107
ס'איז גוט אַזוי 110
צו אַ מיידל 112
דעמאָנסטראַנטן 115
בלויער רייטער 117
זיי לעבן 119
אין אַלע וואַסערן 122
דורך פאַרפלאָנטערונג 123